839.11 אינ

געקליבענע ווערק פון י. מ. ווייסענבערג

באנד V

# שטאַרקער פון טויט

אינהאַלט:

אַ וואַלד מיידל.

דריי וועהגן.

דער לוין פון ליעבע. (דראמע אין 3 אַקטן.)

פערלאַג ווייסענבערג, וואַרשע, 1931

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

Druk: B-ci Feder, Franciszkanska 6

# א װאַלד מײדל

koguduse walitsus

שׂרהלע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ קייגן פֿאַרהאָנגענעם פֿענצטער, און אַראָפּשפּרינגנדיק פֿונם בעטל, האָט זי מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט דערגרייכט צום ווייסן פֿאָרהאַנגל, אַוועקגעשאַרצט עס און אַ קוק געטון מיט אַ האַסטיק באַוועגלעכן בליק. זי האָט דערזען די בלומען אונטערן פֿענצטער, און דאָס ציקן פֿון איר ברוין בלאַסלעכן געזיכט און די אומרויִקייט פֿון די אויגן האָט אין איין אויגנ-בליק גאָכגעלאָזט און זי האָט ערשט לייכט אָפּגעאָטעמט. „אַלץ ווי געווען...“ האָט זי שטיל געשעפּטשעט און צוויי לויטערע פּערל-טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די שוואַרצע פֿאַר-טראַכטע אויגן. די בלומען אונטערן פֿענצטער האָבן מיט די קעפּלעך צוגעשאָקלט. איבערבייגנדיק זיך אויף די שטענגלעך מיט אַ לייכט גערויש און וויגנדיק זיך פֿאַרן ווינטל. די ערד האָט נאַס געבלישטעט, און עס האָט געהויכט אַ פֿרישקייט פֿון אָפּגעשווענקטן קלאָרן זאַמד אַרויס נאָך דעם ביינאַכטיקן רעגן. שטייענדיקע טראָפּנס וואַסער האָבן אויף די גרעזער געגלאַנצט, און די ביימער אין וואַלד זענען געווען באַלויכטן איבער דער אייבערשטער העלפֿט מיט אַ רויטלעך שטראַלנדיקער קילקייט, און געפֿונקלט האָבן זיי, ווי די צווייגן וואָלטן געווען באַהאָנ-גען מיט קריסטאָלן-לויטערע אַרבעסלעך, וואָס האָבן געבליש-

טשעט מיט אַ שטילער אויסגעפּייניקטער טרייסט, ווי שטילע לויטערע טרערן אין אַ שטילן פרימאָרגן...

אַ שטילער פאַרטראַכטער מאָרגן איז ביי שרה'לען אונטערן פענצטער געווען און אַ שטילע, אַ פאַרטראַכטע איז זי ביים פענצטער געשטאַנען. דאָס געזיכט איז בלאַס, שטיל און אומבאַוועגלעך. די רויטע ליפּלעך זענען ווי פאַרשלאָסן און אַ בונד שוואַרצע געדיכטע האָר לאָזן זיך איר פון קאָפּ אַראָפּ און פאַרהענגען די רויק ברוינלעכע באַקן און דעם ווייסן ווייכן האַלז, וואָס פעכלט אַרויס פון העמד מיט די שפּיצעלעך — און זי שטייט, קוים וואָס די ברוסטן באַוועגן זיך מיט אַ לייכטן אָטעמציק, און דאָס ווייסע העמד איבער זיי און אַרום די שלאַנקע ווייכע טאַליע באַוועגט זיך לאַנגזאַם אויף און אָפּ לויט דעם פאַלבן זיך אין די טונקעלע איינגעטיפטע ערטער. זי האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די האַנט פון פאָרהאַנגל און אין צימער איז שטיל און טונקל געוואָרן. זי האָט נאָר די בליקן אויפגעהויבן אויף דער טיר פון צימער, און צוגייענדיק האָט זי אויפגעלענט זי און אַריינגעקוקט אין דער פאָרנטיקער גרויסער שטוב, דאָ איז אויך שטיל, קיינער איז נישטאָ. די זון האָט אין פענצטער אַריינגעשיינט, אַ צייל ליכטיקייט האָט זיך אין שטוב אַריינגעגאָסן, וואַרפנדיק אַ זעקסגעקעסטלטע רעם אויף דער פאָדלאָגע, ווו אַ שוואַרץ און ווייס געפלעקטע קאַץ איז געלעגן מיט אונטערגעשפּרייטע פיסלעך אונטערן קעפּל מיט די צוגעמרוזשעטע אייגלעך און געוואַרעמט זיך קייגן דער זון. קיינער איז נישטאָ, האָט זי זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט און צוריק אָפּגעלאָזט די טיר. זי איז צוריק צו צו איר בעטל און גענומען זיך אָנטון.

באַלד איז זי געשטאַנען אין אַ קורץ בלוי, האַלקעלע, וואָס דער פאָטער האָט איר ערב־ראש־השנה געקויפט אין שטאָט, און באַלד איז זי אַרויס פון שטוב.

אין דרויסן האָבן זיך איר די לאָקן צעלאָזט פון שנעלן גאַנג, דאָס ווינטל האָט זיי אין דער לופט געוויט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי צוזאַמען מיט די לאָקן פליט אין דער לופט דאָס בליוזקעלע מיטן פּאַרטוכל פלאַטערן, און זי מיט אויפגע-הויבענע אויגן אין עק-וואַלד אַריין לויפט אַלץ ווייטער און ווייטער מיט די בּאָרוועסע ברוינע פיסלעך איבערן פּייכטן גראָז, בראַכנדיק מיט אירע האַסטיקע פלינקע טריט די אָנגעוואָרפענע צווייגלעך און שישקעס אונטער די ביימער.

צווישן די ביימער איז זי פאַרבייגעלאָפן פאַר אַ בערגל. דאָרט איז דער פאָטער אירער, אַ ייד מיט אַ שוואַרצער רונ-דיקע באָרד מיט קויל-שוואַרצע אויגן, און מיט די בלויזע העמד-אַרבל. ער האָט אַריינגעשטעלט אַ קופּע קין איבערן אויוון, ווו ער ברענט די סמאָלע.

— שרהלע!... — האָט ער איר נאָכגערופן. אויפהייבנדיק דעם קאָפּ מיט דער שפּיץ באָרד, און געבליבן שטיין מיטן שטיק קין אין דער האַנט אַ פאַרגאַפטער.

שרהלע האָט זיך אַ כאַפּ געטון צוריק:

— טאַטע...— האָט זי אויסגערעדט מיט אַ קלינגענדיקער שטים און אומרויק געביטן די בליקן אויף אים — טאַטע... קיינער איז נישט געווען ביי אונז?...

— ניין — האָט דער פאָטער געענטפערט, — נאָר וווּ לויפסטו דאָס אַזוי צעלאָזט?

— וווּ? — האָט זי ווונדערלעך געבליקט און מיט אַ פיינ-לעכן אויסדרוק אַרום אָפענעם מיילעכל ווייטער אנגעהויבן — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז לעאָן דעם סוחרס זון איז געקומען צו מיר אונטערן פענצטער און האָט מיר אַלע בלומען אויסגע-פליקט — אַלע בלומען!... — האָט זי געשריגן, צונויפפּאַטשנ-

דיק אירע קליינע ברוינע הענטלעך, און דעם פּאָטער אָנגע־קוקט.

— נאַריש קינד! — האָט ער אויסגערעדט געריירט, אויס־שפּרייטנדיק די האַנט — וואָס האָסטו דיר גענומען אין קאָפּ אַריין?...

— ער איז דאָך אַזאַ גוטער, טאַטעלו... אַזאַ גוטער...

— נו, יאָ... — האָט דער פּאָטער געצויגן — אָבער נישט פאַר דיר, ער וועט דיר נאָר אומזיסט דעם קאָפּ פאַרדרייען און דערנאָך וועסטו אים אַפילו נישט אָנקוקן אויך! —

— גיי! ביזט אַ בייזער! — האָט זי אַ שפּרונג געטון פון אָרט, און וואַרפנדיק אַ ברוגזדיקן בליק אויף אים האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון ווייטער צולויפן.

דער פּאָטער האָט איר נאָכגעקוקט, נאָכגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַ לאַנגע צייט נישט געקאַנט די אויגן אָפּרייסן פון איר, ביז זי איז אַוועק הינטערן בערגל.

פון דאַנען האָט זי שוין אַרויסגעזען דעם קאַסירערס הויז, אַ גרויס הילצערן הויז מיט גרויסע פענצטער אויף אַ פרייען אָפענעם פלאַץ אַרויס, וואָס לייגט זיך דורך פון צווישן די ביימער. קלאַפּטער האָלץ ליגן. ברעטער, צעוואָרפענע אָפּפאַלעס און קופּעס זעגעכץ, וואָס צעשיטן זיך אַרום די אָפּגעזעגטע שטאַמען, וואָס קוקן אַרויס איינגעזונקען פון דער ערד, ווי יונגע מצבות אויף אַ פרייש בית־עולם. אַהער איז שרהלע אָנ־געקומען, און צולויפנדיק צום הויז האָבן אירע בליקן שוין גע־פינטלט איבערן פענצטער און באַלד איז זי אַריין אין שטוב.

— גוט מאָרגן! — האָט זי אויסגעקלונגען ווי מיט אַ זיל־בערן קולכל.

— גוט מאָרגן. גוט מאָרגן! — האָט מען איר פון אַלע זייטן געענטפערט.

דער קאַסירער, אַ ייד מיט אַ שיינער געלער באָרד, האָט זיך נאָך אין מאָרגן-שלאָפּראָק איבערן שטוב אַרומגעדרייט. דאָס ווייב, אין אַברייט פליטשענקען פּאַרטוך, איז געשטאַנען ביים קוימען, ווו דאָס פייער האָט פריילעך געקנאַקט אַרום אַ קופער-נער פאַן. און ביים טיש איז געזעסן נאָך אַ מיידל, אַ בלאָנ-דע מיט אַ לענגלעך בלאַס געזיכט, בלאָע אויגן און אין אַ מאָרגן-שלאָפּראָק פון דעם דינסטן געוועב, וואָס האָט איר גאַנצן לאַנגן קערפער ביז צו די קליינע שפּיץ פיסלעך צוגעדעקט. און אַז זי האָט זיך אויפגעשטעלט קייגן שרהלען און אַ לייכטע באַ. וועגונג געמאַכט, האָט זיך געדאַכט, אַז דער שלאַנקער ווייכער קערפער אירער שווימט אַרום אין דעם לייכטן דינעם געוועב. לעאָנס אַ שוועסטער איז זי געווען. אַ פריילין פון אַ גרויסער שטאָט. זי איז געקומען מיט אים צוזאַמען דאָ הי אַ גאַנצן זו-מער צו פאַרברענגען, ביי דעם קאַסירער זייערן, שרהלע האָט אויף איר אָפּגעשטעלט אירע קינדעריש גוטע אויגן און שטיל געפרעגט:

— לעאָן איז נאָך אַלץ נישטאָ!..

— ניין... — האָט דאָס פריילין געענטפערט באַזאָרגט.

— נאָך אַלץ נישט.. — האָט שרהלע נאָכאַמאָל, ווי פאַר זיך איבערגעחזרט, פאַרריכטנדיק זיך די צעוואָרפענע האָר אי-בערן קאָפּ; און אין די אויגן האָט זיך שוין אָפּגעשפּיגלט אַ בלישטשנדיקע פייכטקייט.

אין שטוב איז שטיל געוואָרן. דער קאַסירער האָט זיך באַלד פאַרטיפט ביי דער ביוראָ אין די צעוואָרפענע פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן פאַר אים, דאָס ווייב איז זיך איר וועג ביי דעם קוימען געשטאַנען, און שרהלע מיט דעם פריילין האָבן זיך אָנגעקוקט. און איינע האָט דער אַנדערער נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

— וואָס מאַכסטו שרהלע? — האָט דאָס פרײלין שטיל אויס־געשעדט — קום אַהער שרהלע... זעץ דיך.

שרהלע האָט זיך געזעצט.

— ווי שײן, ווי װײך, — האָט דאָס פרײלין מיט אַ בלאַסן שמײכל באַמערקט שרהלען אויף אירע לאַנגע צעלאָזטע האָר — לאָז, שרהלע, װעל איך זײ דיר פאַרפלאַכטן...

— פרײדקעשי... װען װעט שױן לעאָן קומען? — האָט זיך שרהלע, ווי קרענקלעך געקרימט, און דערבײ האָט זי איר דעם קאָפּ איבערגעגעבן און אַרומגענומען זי אַרום דער טאַליע, צוטוליענדיק זיך צו איר, ווי צו אַ מוטער.

פרײדקע האָט איר שטילערהײט אַ קוש געטון אין קאָפּ אַרײן. און ווי זי װאָלט זיך פאַרשעמט פאַר די שטוב־מענטשן האָט זי זיך אַרומגעקוקט:

— קום שרהלע... לאָמיר אַרײנגײן אין דער אַנדערער שטוב. — האָט זי איר אָנגעװיזן צו דער טיר,

בײדע זענען אַרױס הינטער דער הויז־טיר, וווּ קײגנאי־בער איז נאָך אַ טיר געװען, און אַהין זענען זײ אַרײן.

דאָ איז אַ גרויסע שטוב. נאָר אײן טישל שטײט בײם פענצטער, אַ קאַנאַפּע און אַ בעטל, רײן, ציכטיק, צוגעלײגט.

— זע נאָר, — האָט פרײדקע אָנגעהויבן — זע נאָר שרהלע, ווי בלאַס דו זעסט הײנט אויס.

— איך בין נישט געשלאָפן — האָט זי געענטפערט — און ערשט דרײט זיך מיר אַזוי דער קאָפּ...

— דו קאָנסט נישט שלאָפן? — האָט פרײדקע איבער־געפרעגט.

— נײן... — האָט שרהלע געענטפערט. און שטיל גע־בליבן.

— און װען װעט שױן לעאָן קומען? — האָט זי װײטער

אָנגעהויבן — שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג...

פריידקע האָט זי צעטלעך איבערן קאָפּ געגלעט און די דינע ווייסע פינגער אין אירע לאָקן געבאָדן, ווי אין קילע וואַסערלעך, וואָס גיסן זיך קיל, און מיט אַ ריח, ווי פון אַ שמעקנדיקן וואַלד אַרויס. שרהלע איז געשטאַנען אַזוי ווי אַנ־מאַכטיק, דעם קאָפּ אויף פריידקעס אָרעם אָנגעלענט, דאָס גע־זיכט — בלאַס, מיט טרויעריק אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, און שטיל ווי אַ קינד, וואָס פאַרטראַכט זיך.

— לאָמיר זיך זעצן — האָט פריידקע איר שטיל אָנגע־וויזן אויף אַ שטול.

ביידע האָבן זיך געזעצט צוזאַמען אויף איין שטול, אַרומ־געהאַלטן זיך ביי די טאַליעס און די קעפּ אָנגעלענט איינע אויף דער אַנדערערס אָרעם.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. דערנאָך האָט פריידקע ווײַ־טער אָנגעהויבן:

— שרהלע... וואָס ווּעסטו מיר געבן, איך זאָל דיר עפּעס אויסזאָגן?..

— וואָס? — האָט זי שרהלע אָנגעקוקט מיט אַ וווּנדער־לעך אויפגעלויכטענעם בליק.

— איך האָב אַ בריוו פון לעאָנען.

— פון לעאָנען? — איז זי אויפגעשפּרונגען צונויפפּאַטשנ־דיק ביידע הענטלעך — און פאַרוואָס האָסטו געשוויגן?

— איך האָב דאָך דיר נישט געקאָנט ווייזן פריער... איך ווייד נישט דעם קאָסירערס ווייב... — האָט זי זיך פאַרענטפערט און דערלאַנגט איר דעם בריוו.

שרהלע האָט אים געכאַפּט מיט ציטערדיקע הענט, געבליקט אַ רגע, צוויי, מיט אומרויקע בליקן און צוריק איבערגעגעבן אים פריידקען:

— נאַ לייען — האָט זי אויסגעשריגן, פאַרוואַרפנדיק ד' האָר איבערן קאָפּ.

פרײדקע האָט איר דעם בריוו איבערגעלייענט וואָרט בײ וואָרט. שרהלע האָט זיך איינגעהערט און פון דעם אַלעם אַרויסגענומען נאָר דאָס, אַז לעאָן וועט קומען היינט אָדער מאָרגן..

די גאַנצע צייט האָבן אירע אויגן געשאָסן מיט ליכט און פרייד, באַלד אָבער איז זי צוריק פאַרטראַכט געוואָרן:

— און פאַרוואָס זיצט ער דאָרט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג?— האָט זי ווייטער געפרעגט — ער האָט מיך שוין נישט ליב?..

— נאַרישע שרהלע...— האָט זי פרײדקע געגלעט איבערן קאָפּ — נאַרישע שרהלע.. אַזעלכע זאַכן קאָן מען נישט וויסן.. ער איז דאָך מיין ברודער, און איך האָב דאָך אייך ביידע ליב. דיך אַזוי גוט ווי אים... נאָר איך ווייס דיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן — נאָר ווער הייסט דיך איבערקלערן?...

— אָבער דאָרט, ביי אייך, איז דאָך אויך דאָ מיידלעך— און יונגע זענען שענער פאַר מיר?...

פרײדקע האָט אַ שמייכל געטון:

— שרהלע... איז דען דאָס שיין, וואָס שיין הייסט? שיין איז נאָר דאָס, וואָס מען ליבט!...

— אָבער ער האָט מיך נאָך ליב?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?...

שרהלע האָט צוריק די אויגן אַראָפּגעלאָזט מיט אַ בלאַס פאַרזונקען געזיכט.

— איך קאָן דיר נאָר דאָס זאָגן — האָט פרײדקע ווייטער געצויגן — אַז ווען איך וואָלט געווען לעאָן, וואָלט איך נאָר דיך געוואָלט...

— אָבער ער קאָן נאָך היינט קומען?

— ער קאָן. אויב נישט היינט — מאָרגן זיכער. איך

וועל אים אַליין אָקייגנפאָרן אויף דער סטאַנסטע. איך וועל הייסן איינשפּאַנען די בריטשקע...

— און די זאַכן האָט ער נישט מיטגענומען אַלע?...

— אוודאי נישט. ער איז געפאָרן אַזוי ווי ער שטייט און גייט. ביזט דאָך געווען ביים געזעגענען...

שרהלע האָט זיך פאַרטראַכט.

דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען באַפרייענדיק זיך פון פרייד־קעס אָרעמס, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון לעאָנס באַזונדערן צימער אויפגעמאַכט זי שטילערהייט און ארייננעקוקט...

דאָס בעטל זיינס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט. דער ראָלעט אַראָפּגעלאָזט איבערן פענצטער. און אַ טונקעלע קילקייט האָבן די בלאָלעך־אָפּגעקאַלכטע ווענט אין זיך פאַרבאָרגן, אַ שטילע רויקייט איז אין יעדן ווינקל געלעגן אויסגעגאָסן. דאָס פאַרשפּרייטע לײלעך אויפן בעטל האָט געפעכלט. קלאָר ווי שניי און אין די איינגעפאַלבטע קנייטשן באַהאַלט זיך די טונקעלע שטילקייט, וואָס האָט איבערן בעטל אַרומגעשוועבט. קייגנאיבער שטייט לעאָנס קויש מיט די זאַכן זיינע, און אַ ווייס העמדל מיט העקעלעך אונטערן קעלנערל הענגט הינטער דער טיר — עס אָטעמט, דאַכט זיך שרהלען, און עפּעס אַ פאַרבאָרגענע רויקייט רוט אין יעדן שפּעלטל און אין יעדן פּעלבל. עס שווייגט דאָס צימער. ווי אַ טיפער סוד וואָלט זיך דאָ אַריינגעגאָסן, און אַלץ אַרום הערט זיך איין מיט אַ פאַרזונקענע פאַרטראַכטקייט איבער דער שטילקייט...

— שרהלע, וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט? — האָט פריידקע געפרעגט צוקומענדיק שטילערהייט הינטער אירע פּלייצעס.

— גלאַט אַזוי... איך האָב מיך פאַרקוקט, ווי דאָ איז

אַזוי שטיל... — האָט שרהלע געענטפערט, אָנקוקנדיק זי מיט אַן אומעטיקייט.

— דו בענקסט?..

— ניין, נאָר אַזוי, טרויעריק איז מיר...

— זיי-זשע נישט טרויעריק, שרהלע... — האָט פריידקע באַזאָרגט אָנגענומען זי ביי די האַנט.

— עס איז שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג... דאָס האַרץ איז מיר עפּעס אַזוי שווער... מיר דאַכט זיך, איך וועל אים שוין מער נישט אָנקוקן...

— רעד נישט קיין נאַרישקייט, שרהלע! — האָט פריידקע אומצופרידן און געפייניקט אַרויסגעזאָגט.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען, און פריידקע האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט פאַר שרהלעס געזיכט, ווי זי וואָלט נישט געקאָנט קוקן אויף איר שטילן צער, וואָס אין איר שטילן פייכטן בליק האָט זיך אָפּגעשפּיגלט. ענדלעך האָט זי ווייטער געבעטן:

— שטיי נישט שרהלע... גיי ערגעץ, אָדער וואָס... און אַז ער וועט קומען, וועל איך באַלד קומען צולויפן צו דיר אָנזאָגן...

אין שרהלעס אויגן האָט זיך אַ בלישטשנדיקע טרער באַוויזן, און זי איז באַלד אַרויס פון שטוב, אומקערנדיק זיך צוריק אַהיים.

אַ שוואַרצער געריכטער רויך האָט זיך שוין איבער דער קופּע קין אויפגעוויקלט און דערהויבן זיך איבער די שפּיצן ביימער ווי אַ וואָלקן-זייל און דאָס ווינטל האָט פון אים גאַנצע שטיקער אָפּגעריסן און צעטראָגן אים אויף אַלע זייטן. קייגנ-איבער איז געשטאַנען דער פאָטער אָנגעלענט אָן אַ בוים מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט, און די שטילע פאַרטראַכטע אויגן האָבן אָן אַ ציל געקוקט איבער דעם זייל רויך וואָס האָט

אינדערהייך אויפגעשטיגן. שרהלע איז שטיין געבליבן מיט אַ שטיל רחמנות פּנים קייגן פּאָטער.

— ווו ביזטו שרהלע? — האָט דער פאטער ווי פון אַ חלום זיך אויפגעכאַפּט.

— איך בין געווען ביי פריידקען. — האָט שרהלע גע-ענטפערט.

— זע, דו קינד מיינס, — האָט דער פּאָטער ווי אָפּזיפצנ-דיק אָנגעהויבן — שוין דרייאונדרייסיק יאָר לייג איך קופּעס קין איבער דעם זעלבן בערגל, שוין דרייאונדרייסיק יאָר דער-הייבט זיך דאָ דער רויך פון צייט צו צייט. און וואָס האָב איך דאָ דערלעבט?...

— וואָס ווילסטו, טאַטע! — האָט שרהלע געפרעגט.

— איך וויל נאָר דו זאָלסט רויק זיין... איך זע דאָך, אַז מיט דיר איז עפּעס, און חלילה אויף דיר איין האָר, צו וואָס טויג מיר מיין גאַנץ לעבן? שוין גענוג קופּעס קין אויס-געברענט. איך קוק אין דעם רויך, וואָס וויקלט זיך אונטערן הימל, און מיר דוכט זיך, אַז אין דעם רויך זענען אַלע מיינע טעג פאַרשוואונדן. און אַז דער רויך האָט מיר די בעסטע צייטן אוועקגעטראָגן. דיין מאַמע לעבט שוין נישט, זי האָט מיך דאָ איבערגעלאָזט. און ווי אַ שאָטן דריי איך מיך היינט אַרום דער קופּע קין... און אויב דיר זאָל חלילה עפּעס געשען, וואָס האָב איך נאָך דאָ צו טון, פאַר וועמעסוועגן!

שרהלע האָט פאַרטראַכט געהאַלטן די אויגן אַראָפּ, און דער פּאָטער האָט געגענט צו איר, גלעטנדיק זי איבערן קאָפּ.

— שרהלע... ווייסט וואָס איך קלער... איך וויל פאָרן אויף קבר־אבות צו דער מאַמען...

— נו פאָר...—האָט שרהלע איר ליכטיקן קינדערישן בליק אויפגעהויבן.

— און דו וועסט מיטפאָרן, שרהלע? פאַר מיט, פאָלג מיך, עס וועט דיר אַפּיסל גרינגער ווערן אויפן האַרץ... אַז גאָט וועט העלפן. איך וועל דעם אויוון אויסשעפן, וועלן מיר פאָרן אין שטאָט אַריין, און גיין צו דער מאַמעס קבר...

שרהלע איז געשטאַנען פאַרשטומט און דעם קאָפּ אַראָפּ-געלאָזט אונטער דעם פאָטערס הענט, וואָס האָט אירע ווייסע לאָקן אַזוי צערטלעך געגלעט.

דערנאָך איז שרהלע אַוועק צו זיך הינטערן פענצטער און געזעצט זיך אין עק-וואַלד קייגנאיבער דעם פענצטערל פון איר צימער. זי האָט געקוקט אויף דעם פענצטערל, ווי אויף אַ פרעמדס און פאַרגעשטעלט זיך, ווי שטיל. ווי איינזאַם דאָרט איז.

אַ גאַנצן טאָג איז זי אין שטוב נישט אַריינגעקומען. נאָר פאַרנאַכט, ווען די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען און די שפּיצן ביימער האָבן זיך אין אַ פּורפּור-רויטקייט פאַרהילט, נאָכקוקנ-דיק מיט אַ פאַרזונקען שווייגן אויף די שטילע טונקל-ברוינע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן ווייט הינטערן וואַלד אַרומגעבלאָנדזשעט און געזוכט זיך אַ נאַכט-לעגער — ערשט דעמאָלט איז שרהלען נאָך שווערער געוואָרן אויפן האַרצן, און זי האָט געזוכט אַן אָרט, ווו פאַר דער נאַכט צו באַהאַלטן זיך. אַ שטילע אומרויִקייט האָט זיך אויף איר פאַרוואָלקנט פּנים צעלייגט און שרעקנדיק זיך פאַר דעם טיפן פאַרזונקענעם געדויש צווישן די ביימער, איז זי אַריין צו זיך אין שטיבל און אַנידערגעוואָרפן זיך אויפן בעטל, אַ מידע, אַ צעבראָכענע. זי האָט זיך, ווי אַ שטילער, טונקעלער שאָטן איינגעטולעט און מיטן פּנים אין קישן זיך איינגעגראָבן.

אין שטיבל איז וואָס אַמאָל פינצטערער געוואָרן. שאָטנס האָבן זיך אין די ווינקלען ווענט געטוליעט. איר טונקעלע פּי-גור אויפן בעטל האָט זיך קיין ריר נישט געטון, ווי פאַרגלי-

ווערט איז זי געלעגן אונטער דער שטילקייט, וואָס האָט אי-בערן בעטל געלויערט. שפּעטער ווען דער פּאָטער איז אַריין אין איר צימערל, האָט זי זיך נישט אָנגערופן. און אַז ער האָט אַ ליכטל אָנגעצונדן און צוגעגאַנגען נענטער, אַ קוק צו טון אין איר פּנים ווי זי שלאָפט האָט זי אים געבעטן, ער זאָל זי לאָזן אַליין אינדערפינצטער.

דער פּאָטער האָט מיט רחמנות-אויסגעשטעלטע אויגן גע-פּאָלגט זי. אַרויסגייענדיק מיט דעם ברענענדיקן ליכט אין דער האַנט פון איר צימער.

שרהלע האָט דעם קייטל אַרויפגעוואָרפן און צוריק געלייגט זיך אויף איר בעטל.

אַ גאַנצע נאַכט איז זי געלעגן אין האַלבן דרימל ווי אונטער אַ לייכטן, טונקל-אויסגעוועבטן שלייער און אַ גאַנצע נאַכט האט זי נישט אויפגעהערט שטיל צו זיפצן.

ערשט פאַרטאָג, ווען דורך דער שפּאַרע פון לאָדן האָט אַ שמאָל פּאַסיקל הימל אַריינגעשיינט, אויסציענדיק זיך איבער דער פּאָדלאָגע קייגן איר בעטל, האָט זי דעם קאָפּ פון געלע-גער אויפגעהויבן. און אַרומגעקוקט זיך, ווי נאָך אַ לאַנגן שווערן חלום. און איז אַראָפּ פון בעטל.

זי האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט דעם קייטל און שטיל אויף די שפּיצן נעגל אַריין צום פּאָטער אין שטוב, בלייבנדיק שטיין פאַר זיין בעט.

דאָ האָט זיך אַ קליין לעמפּל טונקל געברענט אויפן טישל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט בעט, און אַ רויטע ליכטי-קייט האָט זיך אויף דעם פּאָטערס שלאָפנדיקן געזיכט צעגאָסן.

ער איז מיד געשלאָפן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אויסגע-שטעלט די רונדיק-שוואַרצע באָרד, און די ברוסט האָט זיך פול געהויבן אויף און אָפּ. זי האָט אים ביי זיין עלנבויגן אָנ-

גערירט און דער פאָטער האָט די ברעמען אויפגעמאַכט אַרומ־קוקנדיק זיך מיט אַ צעוואָרפענעם בליק, און נאכהער, ערשט שרהלען דערזען ־ ווי זי שטייט פאַר אים שטיל מיט צעוואָרפע־נע האָר און שטאַרק בלאַס.

אַ רחמנות איז אים באַפאַלן:

— וואָס איז דיר שרהלע? — האָט ער צערודערט גע־פרעגט.

— גאָרנישט, טאַטע,. מיר איז גאָרנישט... — האָט זי אים געענטפערט און ליידנדיק געקוקט אויף זיין אומרויק גע־זיכט.

— שלאָפסט נישט? — האָט זי דער פאָטער ביי די האַנט אָנגענומען, צוגעמענדיק זי נענטער צו זיך.

— ניין, טאַטע... איך קאָן נישט... איך וויל דאָ זיצן, נעבן דיר... — האָט זי אים אָנגעוויזן אויפן בענקל, ווו זיין אַנטון איז געלעגן.

דער פאָטער האָט דאָס לעמפל אַרויסגעדרייט, האָט איר איבערגעקערט דאָס בענקל קייגנאיבער דעם בעט, און זי האָט זיך געזעצט. ביידע זענען פאַרזונקען געווען אין אַ שווער שטיל־קייט, און זי האָט אַלע ווײַלע די אויגן אויפגעהויבן אויף דעם פאָטער נאָר זיי צוריק אַראָפּגעלאָזט.

נאכהער האָט זי שטיל אָנגעהויבן:

— טאַטע... טאַטע... דו געדעקסט דעמאָלט די ציגאַנקע אין וואַלד... די ציגאַנקע מיט דעם ביידל?

— וואָס זאָגסטו שרהלע?

— איבער איר קאָן איך נישט שלאָפן...

— שרהלע... דיר האָט זיך עפּעס געחלומט...

— ניין טאַטע... דו געדעקסט דאָך יענע ציגאַנקע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון ביידל מיט אַזוינע שטילע אויגן, און די

שוואַרצע האָר?... אַזוי צעלאָזט... געדענקסט נישט?..

דער פאָטער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף איר צעטראָגן, אומגלייביק, און נאכהער ערשט בּאַרויקט געענטפערט.

— איך געדענק...

— און זי וועט מיר נישט צונעמען מײַן לעאָנען?...

— זי לעאָנען?... צו וואָס? שרהלע?...

שרהלע איז שטיל געבליבן, די אויגן אַראָפּגעלאָזט.

— געדענקסט — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום אָנגעהויבן

— ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט?...

— איך געדענק...—האָט דער פאָטער טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— האָט זי מיר אײַנמאָל אַ מעשה דערציילט, מיט אַ באָבעלע וואָס האָט געהאַט אַ הײַזל אין מיטן וואַלד און אין דעם הײַזל האָט זי געהאַט דרײַ טעכטער, אײַנע שענער פון דער אַנדערער, און אַלע האָבן געהאַט צו דרײַ גאָלדענע האָר אויף דער סאַמע מיט קאָפּ...

— שרהלע...—האָט דער פאָטער אויסגערופן, און אויפזועצנ-דיק זיך האָט ער ווײַטאָקלעך געקוקט אין איר געזיכט — שרהלע הייז נאָר...—האָט ער זיך צו איר צוגעבויגן און אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר שטערן — האָסט נישט קיין היץ?..

— איי, לאָז מיך אָפּ, טאַטע...—האָט זיך זיך געקרימט און בּרוגזדיק אָפּגעקערט דאָס געזיכט אָן אַ זײַט.

— נו, טאָכטערשי... נו, וואָס זאָל איך דיר טון?... וואָס קאָן איך דיר העלפן טאָכטערשי?...

ער איז אַראָפּ פון בעט, גענומען זי אונטער דער האַנט, און דאָס לעמפּל פון טיש אַראָפּ אין דער אַנדערער האַנט, און האָט זי אונטערהאַלטנדיק, אָפּגעפירט אין איר צימער און צוריק בעלייגט זי אויף איר בעטל.

— זעסט, טאַטערשי. — האָט ער איר געוויזן אויפן שטאָלט פון לאָדן — זעסט... דער טאָג בלאַט שוין אַריין... עס ווערט שוין טאָג...

— און צו וואָס טויג ער מיר?... — האָט שרהלע אָפּגע-זיפּט, און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן — פאַרוואָס, טאַטע, הערט מען נאָך די הענער נישט קרייען פון בוידעם?...

— קאָנסט נישט שלאָפן, שרהלע?... — האָט דער פאָטער מיט רחמנות איבערגעפרעגט.

— ניין... איך וויל אויפזיין. אפשר וועלן מיר די הענער מיט זייער קרייען אָנזאָגן אַ גוטע בשורה...

דער פאָטער האָט שטיל אָפּגעזיפּט, און אין צימער איז שטיל געוואָרן. דאָס פייער פון ברענענדיקן לעמפל אויפן טיש האָט אַ טונקל-רויטלעכע ליכטיקייט צעגאָסן איבער זייערע קעפּ, די געזיכטער האָבן אויסגעזען פאַרזאָרגט און דאָס גאַנצע צימער, האָט זיך געדאַכט, אָטעמט מיט איין שטילן סוד, וואָס צעגיסט זיך איבער אַלע טונקל-באַשאָטנטע ערטער און אין די ווינקלען פון צימער...

אַזוי האָט שרהלע נאַכט-ביי-נאַכט פאַרבראַכט, און ביי-טאָג פלעגט זי די שטוב פאַרלאָזן, פאַרקלייבן זיך ערגעץ אין וואַלד אונטערן שאָטן פון אַ בוים און דעם גאַנצן טאָג איבער-זיצן איינע אַליין און שטום געקוקט מיט פייכטע פאַרגליווער-טע אויגן אויף די שפּיצןביימער, ווי זיי וויגן זיך אײַן אין זיי-ער אייגן שטיל גערויש.

ביסלעכווייז איז איר אייגן גערטנדל אונטערן פענצטער אויך פרעמד געוואָרן איר. פונדערווייטנס נאָר פלעגט זי קוקן אויף די שטומע בלומען-קעפּלעך, ווי זיי בייגן זיך איינס קיגן דעם אַנדערן אויף זייערע דינע הויכע שטענגלעך און ביקן זיך. פרעגנדיק איינס דאָס אַנדערע „ווו איז לעאָן, ווו איז לעאָן...

אין אין שרהלעס אויגן פלעגן זיך צוויי ליכטיקע טרערן שטעלן און ביטערלעך האָט זי דאָס נעזיכט אָפּגעקערט פון די בלימ־לעך. אירע פאַרלאָזטע יתומימלעך...

און אַז זי פלעגט אומרויק ווערן, פלעגט זי זיך אין טיפן וואַלד צווישן די געדיכטעביימער אין טונקל־טיפן שאָטן פאַר־באָרגן. און וואָס טיפער, וואָס געדיכטער עס איז דער וואַלד געווען, אַלץ מער באַשיינפּערלעך פלעגט זי פון דער ווייטער טונקלקייט אָדער פון צווישן די בלעטער איבער די געדיכטע צווייגן — לעאָנס געשטאַלט זען אַרויסקוקן...

און איינמאָל איז זי, זוכנדיק לעאָנען, צו די שטיבלעך פון די וואַלד־העקער פאַרקראָכן... סאַמע נידעריקע ערד־דעכלעך אַראָפּגעלאָזט צו דער סאַמע ערד, מיט אַ קליין פענצטערל אונ־טער דער זייט דעכל און אַ שמאָל קוימענדל, וואָס שטייט אין דערמיט דעכל. פאַר יעדער טיר, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ, ווי ביי אַ הייל אונטער דער ערד, ליגט אַ סטערדע האָלץ, אָדער אַ קופּע שטעכעכץ; הענגט אַ פּאָר ווינדעלעך, אָדער ליגט אַן אי־בערגעדרייטער קובעל צום טרוקענען, און הינטער יעדן הייזל זיצן אַ צוויי, דריי נאַקעטע קינדערלעך, ווי פון דער וועט אַרויס־געזעצט און שפּילן זיך אין זאַמד,

דאָרטן פלעגן די קינדערלעך פון די וואַלד־העקער נאָכ־קוקן שרהלען, ווי אויף א שטילן סוד.

און זי פלעגט אַרומבלאָנדזשען צווישן די פאַרזעגטע שטאַ־מען אין דעם אויסגעהאַקטן שטיק וואַלד אַרום די הייזלעך, שטיל מיט אַ בלאַס געזיכט, פאַרטראַכט אין זיך, און נאָך זעלטן פלעגט זי אויפהייבן אירע שיינע שוואַרצע אויגן, און די פּיצטערקייט פון יאוש און פאַרלאָזטקייט אויף אַלץ אַרום האָט זיך אין אי־דע פייכטע בליקן אָפּגעשפּיגלט...

פאַר די זעלבע נידעריקע הייזלעך פלעגט איר לעאָן פאַר

בייפאָרן רייטנדיק אויף זיין פערד און זאָטל, מיט אַ שפּיץ-רעם אין דער האַנט, מיט זיינע בלאָע געפּאַסטע הייזלעך און די גע-גלאַנצטע שטיוועלעך אויף די פיס פלעגט ער זיצן, ווי צוגע-גאָסן צום פערד, און זיין שטאָלץ-אויסגעגלייכטער קאָפּ פלעגט אויסקימען העכער איבער אַלע דעכער פון דאַנען. און טייל-מאָל פלעגט ער זיך דאָ אָפּשטעלן פאַר אַ טיר פון אַ הייזל, און זיין ברונעט געזיכט, שוואַרצע אויגן און די דינע שוואַרצע וואָנסעלעך האָבן שרהדיק אויסגעזען, און מיט אַ שטרענג קול פלעגט ער אַ רוף טון „קאַשקין”. אַראָפּבייגנדיק זיך פון פערד צום נידעריקן פענצטערל... אַ גלאָז וואַסער פלעגט ער זיך הייסן אַרויסדערלאַנגען אויפן פערד אַרויף...

נאָר היינט איז ער נישטאָ... נישט ער און נישט זיין פערד... און שרהלע זוכט כאָטש „קאַשקין” כאָטש דאָס הייזל אָנקוקן...

און אַז זי קוקט זיך אַרום, און דערזעט, ווי פּוסט דאָ איז היינט. לאָזט זי דאָס געזיכט אַראָפּ צו דער ערד און גייט אַוועק מיט שטילע טריט; און די קינדערלעך פון די וואַלד-העקער קוקן איר נאָך מיט שטילע פּנימלעך, גרויסע סודותדיקע אייגעלעך, ביז זי פאַרשווינד צוריק אין וואַלד צווישן די ביי-מער...

אַן אַנדערשט מאָל ווידער, פלעגט זי צוקומען צו דעם ראָוו, וואָס האָט זיך אינדערמיט וואַלד אַדורכגעשניטן, טיף צווישן די ביימער — פלעגט זי בלייבן שטיין אַ צוגעשמידטע צום אָרט. מיט אירע שוואַרצע אויגן פלעגט זי זיך איינקוקן אין זיין טונקעלער טיפקייט איבער דער גאַנצער לענג, וואָס איז באַוואַקסן געווען מיט גרינעם פרישן מאָך, ווי אַ ווייך גע-לעגער, און זי האָט געקוקט און געקוקט... אַ זאַפטיקע קילקייט פלעגט זיך אין דעם ראָוו פאַרבאָרגן. די ביימער ביי די זייטן

הילן אים אַריבער מיט זייע־ע אַראָפּגעלאָזטע צווייגן, ווי אונ-טער אַ גרינער סוכּה, און שרהלען פלעגט זיך דאַכטן, אַז אַלע גאָטס סודות, צוזאַמען מיט דעם לייכטן גערויש פון די ביימער און גרעזער, גיסן זיך דאָ אַהער צונויף און פאַרבאָרגן דאָ דעם וואַלדס שטילן סוד...

און דאָס פלעגט אַזוי שרהלעס האַרץ ציען אין דער טונ-קעלער קילקייט, אין דעם ווייכן שטילן מאָך, אַז זי פלעגט זיך נישט איינמאָל פאַרגעסן, און נישט פילנדיק, אַליין אָנגעהויבן צו גיין גלייך מיט דעם ראָוו, ביז דער וואַלד האָט זיך שוין אָנגעהויבן שיטער אַדורכצולייטערן קייגן דעם בלאָען הימל, און זי איז אַרויסגעקומען אויף אַן אומבאַקאַנט נאַקעט פעלד...

און דאָ איז אויף אַ בערגל אַ פאַרלאָזטער געשטאַנען, איינער אַליין, אַ „וויאַטראַק" פון גאָר אַלטע צייטן. די ווענט זיינע זענען שוין געווען אַרומגעשיילט, צוויי אויסגעשפּרייטע פליגל אין דער ברייט, ווי צוויי דאַרע אויסגעשטרעקטע הענט, און דאָס דעכל אויף אים האָט אויסגעזען, ווי אַ גרין מאָכן היטל אויף אַ פאַרצייטישן מכשף...

און אַז שרהלע האָט דערזען די גאַנצע פוסטקייט אַרום, איז איר דאָס האַרץ אויסגעליידיקט געוואָרן, און זי איז אויפן גראָז אַנידערגעפאַלן מיט אַ געוויין און רחמנות צו זיך אַליין

— „לעאָן, לעאָן... וווּ האָסטו מיך געלאָזט איינע אַליין אין דעם פרייען פעלד?"...

און אינמיטן וואַלד אויף אַ קיילעכיק גראָזיק אָרט איז אַ טייכל געווען, וווּ שרהלע פלעגט אַהינקומען טאָג־טעגלעך, און אַרומדרייען זיך אויף דעם ברעג איינע אַליין, ווי אַ שטילע פאַרוואָגלטע טויב.

אַרום און אַרום ברעג איז דער וואַלד מיט זיינע הויכע

ביימער, וואָס שטייען מיט איינגעשוויגענע קעפּ אונטערן בלאָ־ען הימל. צופּיסנס וואַשט דאָס טייכל דאָס זאַמד אויף די ברעגעס, און שרהלע דרייט זיך אַרום איינע אַליין פאַרזונקען אין אַ שווערער שטילקייט. און אַז עס מאַכט זיך אַ ווינטל, און די הויכע קעמפּע גראָזן אויף יענער זייט ברעג הייבן זיך אָן צו צעוויינען מיט אַ שרעקלעך געוואָרפּעריי אויף אַלע זייטן, אי־בערביַיגנדיק זיך איבערן וואַסער, וואָס רינצלט זיין שפּיגל־גלאַטן אויבערפלאַכלאַך פאַר שרעק — דעמאָלט הייבט שרהלע איר פאַרשטיינערטן בליק אויף, און פון צווישן דער קעמפּע אַנטפּלעקט זיך פאַר איר אַן אָנגעבונדן שיפל צום ברעג, וואָס וואַרפט זיך צווישן די וועלן, אַזוי עלנט, אַזוי פאַרלאָזט, אַז זי מוז צוריק אָפּקערן איר געזיכט אָן אַ זייט און וויינט מיט אַ שטיל איינזאַם קול, אַז איין גאָט אין הימל מעג איר ענט־פערן.

זי וויינט דערויף, וואָס זי האָט שוין היינט נישט נאָך וואָס אַהערצוקומען... און זי דרייט זיך אַזוי לאַנג אַרום אויף די ברעגעס ביז זי גייט אַוועק אַ מידע, אַ צעבראָכענע פון דאַנען.

נאָר צום מייסט באַפאַלט איר אַ מרה־שחורה פרייטיק פאַר נאַכט, ווען די זון לאָזט זיך איבער די שפּיצן ביימער אַראָב אַ מידע, צעפלאַקערט אין איר אייגענעם שטילן טרויער, און די לעצטע רויטע שטראַלן צעברענען זיך אויף שרהלעס פענצטער־זי דערמאָנט זיך דעמאָלט אָן דער מוטער, ווי איר געלב פּנים האָט מיט שטילע ליכטיקע אויגן פון קראַנקן־בעט אַראָפּגעקוקט ווי זי, שרהלע, וועט דאָס ערשטע מאָל ליכט בענטשן אָן איר. זי האָט די ליכט אָנגעצונדן און די מוטער האָט מיט איר ברכה געמאַכט... און פאַרוואָס האָט זי דעמאָלט אַזוי געוויינט די מאַמע... און פאַרוואָס האָבן די טרערן אַזוי געלויכטן?...

— שרהלע — האָט זי איר צום בעט צוגערופן און, גלעטנדיק זי איבער קאָפּ, געזאָגט, — שרהלע... בענטש ליכט אָן מיר, אַלע פרייטיק פּאַרנאַכט, ווען גאָט גיט דעם ליבן שבת-קודש אויף אונז יידן״...

און אַצינד, ווען דאָס האַרץ איז איר אַזוי שווער געווען פון בענקען נאָך לעאָנען, האָט זי נישט געוואָלט, אַז דער פאָטער זאָל אירע טרערן זען בשעת זי צינדט אָן די ליכט. דער פאָטער איז איר הינטער די פּלייצעס געשטאַנען, און זי, אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די שטילע פאַרטראַכטע פלעמלעך, האָט זי מיט די הענט דאָס פּנים פאַרשטעלט און אירע ליפּלעך האָבן געשעפּטשעט אַ שטיל געבעט, וואָס האָט די גאַנצע שטוב אָנגעפילט מיט אַ שטילן צער, צוזאַמענגיסנדיק זיך מיט דער רויטער ליכטיקייט פון די ברענענדיקע ליכט.

— שרהלע... — האָט דער פאָטער מיט שטילן צער אין די אויגן געבעטן — וויין נישט אַזוי פיל... עס איז דאָך היינט שבת...

— וואָס זאָל איך נישט וויינען — האָט זי געענטפערט — אַז היינט צוויי וואָכן איז נאָך מיין לעאָן געווען ביי מיר...

— וועט גאָט העלפן, ער וועט ווייטער קומען, און וויין נישט... — האָט ער זי געטרייסט.

נאָר שרהלע האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען.

— איך וויל טאַטע — זאָגט זי בעטנדיק — גיין צו לעאָנס שוועסטער... אין דרויסן איז שוין נאַכט — ווייזט זי אים דורכן פענצטער — דאָס פעלד איז אַזוי שטיל, אַזוי ליידיק... און דאָ, אין שטוב, קאָן איך אויך נישט דערזיין...

— נו נעם דאָס רויטע פּאַטשיילעכל אויפן קאָפּ, היינט איז שבת... גיי נישט אַזוי מיט די האָר צעלאָזט... און איך וועל דיך אונטערפירן.

האָט זי עס גענומען אויפן קאָפּ, אונטערבינדנדיק זיך מיט ביידע עקן אונטער דעם גאָמבע, און איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר. האָט זיך ערשט דער פאָטער אומגעקוקט איבער דער שטוב און אויף די אָנגעצונדענע ליכט, און האָט אָפּגע-זיפצט.

— שרהלע — בעט ער זיך — וואָס פאַרשטערסטו דיר אַליין די שבתים?..

— איך קאָן נישט טאַטע, איך קאָן נישט... — האָט זי ווי אָפּגעהאַקט אינדערמיט, און דער פאָטער האָט זי געמוזט אונטערפירן.

זענען זיי אַ גאַנצן וועג געגאַנגען שטיל און פאַרטיפט אין זיך, נאָר הינטערן בערגל, אַז שרהלע האָט דערזען די ליכ-טיקייט צווישן די ביימער, ווו עס לייכטן אַרויס די ברענענ-דיקע שבת-ליכט פון דעם קאַסירערס פענצטער — האָט זי דעם פאָטער אָפּגעשטעלט, געהייסן אים שוין צוריקגיין און זי איז אַליין אַוועק צום קאַסירערס הויז.

אונטערן פענצטער פון פריידקעס באַזונדערער שטוב איז זי געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט. אויף דעם טישל האָט גע-ברענט אַ לאָמפּ אונטער אַ בלאָען שיין, וואָס האָט אַזוי העל-בלאָ אָנגעשלאָגן אויף די הייסע געקאַלעכטע ווענט. פריידקע איז געלעגן אויפן בעטל די האַנט אונטערן פּנים אונטערגעשפּאַרט און פאַר איר אויף דעם קישן, איז אַן אויפגעמישט בוך גע-לעגן...

נאָר אַזוי שטיל איז דאָ אַלץ אַרום אין דעם צעגאָסענעם שיין פון דער בלאָער ליכטיקייט, אַז עס דאַכט זיך שרהלען — לעאָנס אַ שטילער בליק קוקט אויף דעם אַלעם פאַרבאָרגענער-הייט פון ערגעץ אַ שפּאַלט אַרויס. זי געדעקט איין אָוונט, ווען ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב, די האָר צעוואָרפן

איבערן שטערן, די הענט פאַרלייגט אויף פּאָרנט, און דאָס געזיכט געזונקען... פאַר דעם ברענענדיקן לאָמפּ זענען געלעגן אָנגעוואָרפן שאַכטלען פון גילזן, פּאַפּיראָסן. און אָן דער זייט אויף אַ שטול איז געלעגן זיין אָנגעפּאַקטער רייזעטאַש... נאָר ער האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרייט אין בלויזן לייב-קאָלירטן לייבל... ער האָט עפּעס געטראַכט... און וואָס האָט ער געטראַכט... וואָס, ווייסט זי נישט... אין זיין ברוינלעך אַראָפּגעהאָנגען געזיכט, אין זיין שטומען בליק און אין די אויגן-ווינקלען איז עפּעס געלעגן אַ טונקעלע שטילקייט...

— גאָט ווייסט וואָס... — האָט שרהלע, שטייענדיק הינטערן פענצטער, שטיל אָפּגעזיפצט, און דערמאָנט זיך, אַז זי גייט צו פריידקען...

זי איז אַריין אין שטוב.

אַ שטילער פריידקעס בליק האָט זי באַגעגנט, און שטיל ווי אונטער אַ ווייכן פוכענעם פליגל האָט זיך שרהלע דערפילט און זי איז צוגעגאַנגען צו פריידקעס בעטל מיט אַראָפּגעהאָנגענע אויגן.

— פון וואַנען קומסטו ערשט?... — האָט זי פריידקע געפרעגט, קוקנדיק פאַרוווּנדערט.

— איך קום פון דערהיים. — האָט שרהלע געענטפערט.

— זיץ... — האָט איר פריידקע אָנגעוויזן נעבן זיך אויפן בעטל.

אַ לאַנגע צייט האָבן ביידע געשוויגן, און זייערע בלאָע באַלויכטענע פנימער מיט די אַראָפּגעלאָזטע פאַרזאָרגטע ברעמען האָבן אויסגעזען, ווי זיי האַלטן דער שטובס אָטעם איין...

— עס איז שוין גוט נאַכט?... — האָט פריידקע די שטילקייט איבערגעריסן.

— יאָ.. האָט שרהלע אויפגעהויבן איר בלאַס געזיכט, מיט פאַרגליווערט אויסגעשטעלטע בליקן צום פענצטער.

אויף דעם טיפן בלאָען הימל האָבן נעבלישטשעט שטערנדלעך, ווי געשליפענע רובינדלעך, און פאַרשידנפאַרביק געפינקלט אין דער טיפער נאַכט.

— דו זעסט... — האָט שרהלע, ווייזנדיק מיט אַ פינגער אויפן פענצטער. געווענדט זיך צו פריידקען, שטיל אָנקוקנדיק זי, ווי זי וואָלט איר עפּעס אַ סוד אַנטפּלעקט — דו זעסט, ווי פינצטער עס ווערט אין דרויסן...

פריידקע האָט געשוויגן, קוקנדיק אין איר ווונדערלעך בלאַס געזיכט, וואָס האָט ערשט אַזוי ערנסט און שטרענג אויסגעזען...

— איך זע... — האָט זי ווי מיטגעזאָגט, נאָכמער פאַרווונדערט אָנקוקנדיק זי.

שרהלע האָט זיך עפּעס ווי פלוצלינג צוזאַמענגעשטויסן מיט פריידקעס פאַרשנדיקן בליק, און עפּעס האָט זיך פלוצלינג אין אירע אויגן ווי אויסגעלאָשן. זי האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען און אַרום איר מיילעכל האָט זיך צעלייגט אַן אומגעוויינלעכער אויסדרוק פון פיין, ווי איינע וואָס האָט עפּעס אַ שמאַרץ דערפילט.

— שרהלע... וואָס איז דיר?...— האָט זי פריידקע געפרעגט— דו ביזט עפּעס נישט געזונט?..

— ניין.. — האָט שרהלע געענטפערט—מיר איז נישט, גאָר נישט... נאָר אַז עס קומט ביינאַכט זע איך ווי אין דרויסן ווערט אַזוי פינצטער.., און .איך ווייס נישט ווו לעאָן איז, און ער ווייסט נישט ווו איך בין...

— נאַריש קינד... פאַרוואָס ווייסט ער נישט?... וואָס

האָסטו דיר אַזוי פיל צום הארץ צו נעמען... ער וועט קומען צו דיר... ער ווייסט אַלץ... ער ווייסט גאַנץ גוט...

— און איך ווייס נישט... — הייבט שרהלע ווייטער אָן — איך ווייס נישט... און טיילמאָל פלאָנטערט זיך מיר עפּעס אַזוי־נע חלומות אין קאָפּ...

פריידקע האָט דאָס געזיכט אָפּגעקערט אָן אַ זייט, ווי זי וואָלט איר עפּעס נישט געקאָנט קוקן אין פּנים אַריין פאַר רחמנות...

דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען פון בעטל, מיט אַ רחמנות אין קול, געפרעגט שרהלען, אפשר וועט זי דאָ נעכטיקן, וועט זי אפשר קאָנען גיכער שלאָפן... האָט איר שרהלע טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און זי איז אַליין אַרויסגעגאַנגען פאַר־מאַכן דעם לאָדן.

שפּעטער, האָבן זיך ביידע געלייגט שלאָפן צוזאַמען אין בעטל, דער לאָמפּ מיט דער בלאָער שיין אויפן טישל האָט באַ־לויכטן זייערע שטילע בלאַסלעכע געזיכטער, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין די אייגענע צעלאָזטע האָר איבערן קישן. און ביי־דע שלאַנקע פיגורן האָבן זיך מיט אַ בולטע ווייכקייט פון אונ־טער דער לייכטער צודעק אויסגעדריקט. שרהלע האָט זיך צו פריידקען צוגעטוליעט און מיט דער האַנט זי אַרומגענומען, איינ־טיפנדיק דאָס געזיכט אין איר.

און דער לאָמפּ האָט אַזוי שטיל געברענט, אַ בלאַסלעכע פאַרזאָרגטקייט אויף פריידקעס געזיכט געוואָרפן, און אויף דער בלאָלעך באַלויכטענער וואנט איבער פריידקעס פּלייצעס האָט זיך ווי אַ שטילער סוד צעגאָסן.

פריידקע האָט לייכט אָפּגעאָטעמט, און די שטילקייט אי־בער דער ליידיקער שטוב איז נאָך טיפער געוואָרן.

— דו ווילסט אַזוי שלאָפן !.. — האָט זי שרהלען שטיל גע־פרעגט טוליענדיק זי צום האַרץ, ווי אַן אָרעם פייגעלע — דו ווילסט ?..

— ניין... — האָט שרהלע געענטפערט — איך וויל נאָר ליגן אַזוי... אַזוי איז בעסער...

— נו ליג שרהלע... ליג... טוליע דיך צו... אָט אַזוי. — האָט זי זי צום האַרץ געדריקט.

— ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט...— האָט שרהלע איר דערציילט — בין איך אַזוי געלעגן... און זי פלעגט מיר מעשה־לעך דערציילן...

— דו געדענקסט נאָך עפעס, שרהלע, געדענקסט...— האָט זי פריידקע געפרעגט.

— איך געדענק...— האָט שרהלע שטיל אָפגעזיפצט.

— דערצייל מיר שרהלע... דערצייל... איך האָב ליב דיי־נע מעשהלעך...— האָט זי פריידקע געבעטן מיט אַ צערטלעכער פאַרזאָרגטקייט, ווי אַ מוטער איר קינד.

— דערציילן ? — האָט שרהלע איר בליק אויפגעהויבן.

— דערצייל...

— פון אַ באַבעלע מיט דריי טעכטערלעך ?...

— פון אַ באַבעלע מיט דריי טעכטערלעך...

—אַמאָל איז געווען אַ באַבעלע, אַ כשוף־מאַכערין... האָט זי געהאַט דריי טעכטערלעך. איינע שענער פאַר דער אַנדערער, נאָר די יונגסטע איז געווען די שענסטע, און דריי גאָלדענע האָר האָט זי געהאַט אויפן סאַמע מיט קאָפּ... און דאָס באַבע־לע האָט געהאַט אַ הייזעלע אין מיטן וואַלד, און אַ גאָרטן קאַרטאָפליעס אַרום דעם הייזעלע.. פלעגן זיי אָפּקאָכן קאַרטאָפ־ליעס, ברענגען אַ קריגעלע וואַסער פון דעם טייכל, וואָס איז אינביטן וואַלד געווען, און אַריינגערופן אין שטוב עסן...

איז איינמאָל אין דעם וואַלד פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אַ קייזערס אַ זון, וואָס איז געגאַנגען מיט זיין שווערט אויף דער זייט און אַ ביקס אויף די פּלייצעס צו פאַנגען חיות אויפן געיעג... האָט ער אַ גאַנצן טאָג נאָכגעיאָגט אַ הירש, ביז ער איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צו דעם טייכל. איז ער זייער דורשטיק געווען און מיד, נעמט ער און לאָזט זיך אַראָפּ פאַר דעם טייכל אויף די קני, טרינקט זיך אָן, און זעצט זיך אַנידער אויף דעם ברעג אָפּצורוען... קומט אָן דאָס באָבעלע, איינגעהילט אין איר פאַטשיילע, און דאָס קריגעלע אין דער האַנט... דערזעט זי דעם יונגן פּרינץ, ווי ער גייט אָנגעטון אין קייזערלעכע מלבושים, בלייבט זי שטיין פאַרוווּנדערט איבער זיין רייכקייט... קומט צו איר צו דער יונגער פּרינץ און פרעגט זי, „ווי אַרום מען קומט אַרויס פון דעם וואַלד?..״ ענטפערט זי אים אַז זי האָט דריי טעכטער, וועט זי אים שיקן איינע, וועט זי אים אַ וועג אויסגעפינען... האָט איר דער פּרינץ איידל געדאַנקט און זי האָט אָפּגעשעפּט אַ קריגעלע וואַסער און איז אַוועק אַהיים.

דערזעט זי אירע דריי טעכטער זיצן הינטערן פענצטערל רופט זי זיי אין שטיבל אַריין.

— קינדערלעך, איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן..

שטעלן זיך די טעכטערלעך אויס פאַר איר און זי פרעגט ויי.

— ווער פון אייך וויל האָבן אַ פּרינץ פאַר אַ מאַן?

— איך!... — שרייט אויס די יוגנסטע.

— גיי — זאָגט זי — אויף דעם ברעג פון טייכל און ברענג אים דיר אַהער...

איז זי געגאַנגען, די יונגסטע טאָכטער, און ווי זי קומט צו צום טייכל און דערזעט דעם פּרינץ אַרומדרייען זיך אויף

דעם ברעג, איז זי שטיין געבליבן פאַר זיין שיינקייט...

— אַדוני קעניג... — מאַכט זי צו אים — דו ווילסט, איך זאָל דיך אַרויספירן פון דאַנען — און דער וועג איז אַ ווייטער און דו ביזט דאָך, זע איך, אַזוי מיד...

— נו, וואָס-זשע זאָל איך טון?.. — האָט דער יונגער פרינץ געפרעגט.

— נעם,—זאָגט זי,—אַראָפּ פון דיר דיין שווערט און דיין ביקס וועסטו דיך קאָנען אָנלענען דאָ אויף דעם ווייכן גראָז...

האָט ער זי געפאָלגט, געגעבן איר צו האַלטן דאָס גע-ווער און געלייגט זיך אויפן גראָז... און זי האָט זיך געזעצט אים צוקאָפּנס, געגלעט אים זיינע ווייכע האָר און געקוקט אים אין די אויגן אַריין אַזוי לאַנג, ביז זי האָט אים פאַרכישופט, און ער איז איינגעשלאָפן מיט דעם קאָפּ אין איר שויס...

פאַרנאַכט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען הינטערן וואַלד און צווישן די ביימער איז טונקל געוואָרן, איז ער שוין אירער געווען... און זי האָט אים פאַרנאַרט אין איר הייזל אַריין, — און די ביקס מיט דעם שווערט האָט זי שוין געהאַט אין איר האַנט...

שרהלע האָט אָפּגעזיפצט און איז שטיל געבליבן.

— און וואָס זיפצסטו אַזוי? שרהלע?...— האָט זי פריידקע געפרעגט.

— איך זיפץ...—האָט שרהלע געענטפערט — ווער ווייסט צי מיט לעאָנען איז אויך נישט געשען עפּעס אַזוינס...

— נאַריש שרהלע...—האָט זי איר צו גלעטן אָנגעהויבן— היינט געשען שוין נישט אַזוינע מעשיות... זאָג מיר, שרהלע... זאָג מיר, אפשר שרעקסטו פאַר עפּעס און דו ווייסט פאַר-וואָס?...

— נו, דו ווייסט וואָס, שרהלע... — האָט פריידקע געענט-

פערט ערנסט — אַז דו האָסט דיר דאָס יאָ אַזוי שטאַרק גע־נומען אין קאָפּ אַריין... וועל איך דיר זאָגן אַן עצה... וועלן מיר מאָרגן אינדערפרי גיין אָפּזוכן די ציגײַנקע אין איר ביידל וועסטו זיך אַרומקוקן... און עס וועט דיר לייכטער ווערן...

שרהלען האָבן זיך די טרערן געשטעלט אין די אויגן, און מיט אַ האַרצלעך־בעטנדיקן בליק אויף פריידקען, האָט זי זיך צו איר שטיל און ציטערדיק צוגעבויגן, אויסגעקושט איר יעדעס אבר — און אַרומגעהאַלזטערהייט זענען זיי ביידע די נאַכט איינגעשלאָפן...

פאַרטאָג האָט זיך פריידקע אויפגעכאַפּט. אין שטוב איז פינצטער געוואָרן געווען, נאָר דורך דעם שפּאַלט פון לאָדן האָט זיך דער הימל אַריינגעבלאָט, און אין שטוב האָט זיך אויסגעמישט די פינצטערניש מיט דער בלאָער שיין פון מאָרגן. שרהלע איז נאָך געשלאָפן און איר לייכטער אָטעם האָט איבערן בעטל געשוועבט.

פריידקע האָט זיך פאָרזיכטיק אויפגעזעצט, איינקוקנדיק זיך אין איר בלאַסן געזיכט און פאַרשלאָסענע אויגן, צי וועקט זי זיך נישט פון שלאָף, און שטיל האָט זי זיך פון בעטל אַרויסגעגנבעט, מיט אירע באָרוויסע שטילע פיסלעך אויף דער בלויזער פּאָדלאָגע.

זי האָט זיך אָנגעטון און שטילערהייט, אויף די שפּיץ־נעגל, איז זי צו דער טיר צוגעגאַנגען און געעפנט זי...

דער פרימאָרגן האָט דורך דער אָפענער טיר אַריינגע־שלאָגן, די ליכטיקייט האָט זיך אויף אַ רגע אַנטפּלעקט און אַ פרישע קילקייט האָט זיך אין שטוב אַריינגעריסן, נאָר באַלד איז פריידקע פאַרשווינדן און די טיר האָט זיך צוריק פאַרמאַכט.

אירע גרינגע טריט האָבן זיך דורך דער וואַנט געהערט, זי איז היניטערן לאָדן אַרונטער. עס האָט זיך אַ קייטלען דער־

הערס, און באַלד האָבן זיך די צוויי האַלבע טירלעך פון לאָדן פאַנאַנדערגעפּראַלט, און די שטוב איז פול געוואָרן מיטן לוס-טיקן מאָרגן...

באַלד איז פריידקע צוריקגעקומען.

אַ בלאַסע, די האָר נאָך צעלאָזט, אין איר לייכטן שלאָפ-ראָק און אין די שטעק-שיך, איז זי שטיין געבליבן פאַרן טישל קייגן פענצטער.

אין מזרח-זייט האָט זיך דער הימל שוין גערייטלט, שטי-לע רויטע וואָלקנדלעך האָבן זיך פון הינטערן ווייטן פעלד אויפן הימל אַרויף באַוויזן, באַשטראַלט פון די רויטע מאָרגן-שטראַלן, וואָס האָבן ערשט פון הינטערן עק-פעלד אַרויפגעשפּראָצט — און אַזוי שטיל, אַזוי פאַרטראַכט זענען די מאָרגן-וואָלקנדלעך געשטאַנען, ווי אַ סוד עפּעס וואָלט מיט דער ערד געשען איבער נאַכט, און אַצינד שטייען זיי און הערן זיך איין אין איר טויטער שטילקייט אַרום און אַרום...

שטיל איז...

און פריידקע, ווי זי וואָלט די שטילקייט דערפילט אַרום זיך, האָט זיך איבער דער שטוב אומגעקוקט.

שרהלע איז נאָך אַלץ געשלאָפן.

פריידקע האָט זיך שטיל צוגעשלייכט צו איר בעטל, און איינגעקוקט זיך אין איר שלאָפנדיק געזיכט מיט אַ שטילן איינ-געהאַלטענעם אָטעם...

איר דאַכט זיך. אַז שרהלע איז עפּעס קראַנק...

דאָס פּנים איז אַזוי בלאַס... אַן אומעטיקער צער ליגט דערויף אויסגעגאָסן... די אויגן פאַרשלאָפן, אַזוי מיד... דער האַלז אַזוי פאַרוואָרפן... און די ליפּעלעך, דאַכט זיך איר, רירן זיך עפּעס און קרימען זיך אַזוי שטיל, אַזוי קרענקלעך, ווי זי וואָלט זיך אין שלאָף אויף עפּעס געקלאָגט...

זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער איר, אונטערשפּאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אָן קאַנט פון בעטל. און לייכט, קוים וואָס זי האָט די דורשטיק-אויסגעצויגענע ליפּעלעך אָן איר שטערן באַרירט, האָט זי איר אַ שטילן קוש געטון...

זי האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט, נאָר בלאָדנזשענדיק מיט איר שטילן שמייכלדיקן בליק אויף איר שלאָפנדיק געזיכט, און שטיל זיך אָפּגערוקט פון בעטל...

...זי האָט ערשט לייכטער אָפּגעאָטעמט.

נאָר באַלד האָט זיך איר געזיכט באַצויגן מיט אַ טונקע-לע מינע און מיט אַ שטילן זיפץ האָט זי צוגעגעבן, קוקנדיק אויף איר פון ווייטנס:

— שלאָפסט נעבעך, שרהלע... שלאָפסט...

זי האָט זיך געזעצט אויף דער שטול נעבן טישל און שטום געקוקט אונטערן ליידיקן בעליק...

דער לענגלעכער, בלאַסער שטערן האָט זיך, ווי אָן איר ווייסן, געריינצלט אין דינע יונגע קנייטשן, און אומבאַוועגלעך זע-נען אירע בלאָע אויגן געשטאַנען איבער איין אָרט.

פּלוצלינג האָט זיך די שטילקייט איבערגעריסן. פון דער אַנדערער שטוב האָט זיך געהערט אַ טיר אױפמאַכן, און פריידקע האָט אירע בליקן אויף איר טיר אָנגעשטעלט.

...עס האָבן זיך שווערע טריט געהערט איבערן הויז, און ווידער זענען זיי שטיל געוואָרן, מיט אַ דערוויטערטן אָפּ-קלאַנג אויף דער גאַס אַרויס...

פריידקע איז אויפגעשטאַנען, און לאַזנדיק אַ בליק צו שרהלען, איז זי שטילערהייט אַרויס פון שטוב, פאַרמאַכנדיק שטיל די טיר נאָך זיך ———

דערווייל האָט דער מאָרגן אָנגעהויבן העלער צו ווערן. אין שטוב האָט זיך אַ שטילע ליכטיקייט צוגאָסן, איבער שרה-

לעס בעטל האָט זי געשוועבט איבער איר בלייך געזיכט, און די גאַנצע שטוב האָט זיך מיט אַ בלייכע רויקייט אָנגעפּילט.

אויף דעם טישל איז דער אויסגעל אָשענער לאָמפּ מיט דער בלאָער שיין געשטאַנען, און אַ מידער, אַ נעכטיקער האָט ער קייגן דעם ליכטיקן פענצטער אויסגעזן.

הינטער דעם פענצטער האָט זיך שוין געטראָגן אַ ווייס פאַרבאָרגן געפּישטשעריי פון פייגעלעך. דער הימל אין מזרח איז מיט אַ פּורפּור-רויטקייט פאַרגאָסן. אַ סאַמעט-בלאָער וואָלקן-פּאַס האָט זיך צווישן הימל און ערד אויסגעצויגן מיט אַ גאָלדן-פייערדיקן זוים אויפן בלאָען רוקן, ווי ער וואָלט זיך אָנגעקליידט אין אַ מאַנטל פון קייזערס אוצרות און טראָגט אַ גאָלדנע מתנה פאַר דער וועלט, אָדער ווי גאָט וואָלט אים פאַר זיין שליח געמאַכט, אַ פייערדיקן לאַמפּאַס אים אָנגעטאָן און שיקט אים די וועלט צו טרייסטן... עס וועקט זיך דאָס פעלד מיט זיסע פייגל-געזאַנגען וואָס צעגיסט זיך אין פריען מאָרגן אין דער שטילער לופט... אַ שטילע ליכטיקע האָפנונג טראָגט זיך אונטערן בלאָען הימל, גיסט זיך אויס אויף יעדןביימל, אויף יעדן גרעזל. און וועקט זיי פון אונטערן פאַרטאָגנדיקן גרויען נעבל אויפצושטיין אין דער ליכטיקער זון אַקייגן צו גיין מיט די באַהאָנגענע טראָפּן טוי, ווי אָרעמע געטרייסטע קינדערלעך מיט שטילע ליכטיקע טרערעלעך אין די אויגן, ווען די מאַמע גלעט זי איבערן קעפּל. פון אונטערן וואָלקן-פּאַס שיטן זיך שוין גאָלדענע הערנער אַרויס... דאָס זענען די הערנער, וואָס דער טאָג האָט מיט זיי די נאַכט מנצח געווען... די וועלט קוקט מיט אַ צאַפּל-דיק האַרץ קיין מזרח-זייט. די הימלען שמייכלען...און ווען די זון האָט זיך שוין פון הינטערן וואָלקן אַנטפּלעקט און אָנגע-הויבן פון איבער אים אַרויסצוקוקן און די ערשטע גאָלדענע שטראַלן צו שרהלען אין שטוב געשיקט—האָט זיך שרהלע אויפ-

בעכבעפט, מיט שטילע אויגן באַמערקט די ליכטיק-רויטע שטראַלן, וואָס האָבן זיך אויף דער ווייס-געקאַלעכטער וואַנט איבער איר בעטל צעגאָסן, און אומעטיק האָט זי געפרעגט:

— ווו איז מיין לעאָן?

שפּעטער איז שרהלע מיט פריידקען געגאַנגען באַזוכן די ציגאַנקע אין איר ביידל. אויף אַ לאָנקע אין דער אַנדערער זייט וואַלד זענען זיי אַרויסגעקומען פון צווישן די ביימער, אַרומבלאָנדזשענדיק מיט זייערע בלאַסע פאַרטראַכטע געזיכטער און שטילע אויגן, עס איז נאָך גענוג פרי געווען. דער וואַלד האָט זיך נאָך מיט זיינע געדיכטע צווייגן אין בלאָלעכן נעפל געהילט. אויף דער לאָנקע אונטערן שאָטן פון וואַלד האָט נאָך אַ ווייסער טוי בערוט, נאָר ווייטער איז דאָס פעלד שוין באַשיט געווען מיט דער העלקייט פון די זון-שטראַלן. די זון איז הינטער די שפּיצן ביימער געשטאַנען, פון הינטער די גרינע בלעטער אַרויס-בעפּינקלט. און אַ ליכטיקער אָפּשיין פון צעשלאָגענע בונדן שטראַלן האָט זיך אָן די שפּיצן צווייגן צעשלאָגן און זייער העלע ליכטיקייט האָט זיך אין לאַנגע אויסגעצויגענע בעזעמס פאַ-באַנדערגעוואָרפן. ווייט האָט דער בלאָער הימל דאָס פעלד אַרום-בעהילט. איבער אים האָבן אַ פּאָר זילבערנע צעשווומענע וואָל-קנדלעך אַרומגעבלאָנדזשעט. אַ שטילקייט, אַ פאַרבאָרגענע רוי-קייט האָט זיך אין דער לופט אויפגעהאַלטן. נאָר זעלטן-ווען האָט זיך אַ שאַרפער פויגל-פייף פון איבער די שפּיצן ביימער אין וואַלד דערהערט, און אַ זילבערנער קלאַנג האָט זיך אין דער שטילער לופט צעגאָסן.

שרהלע האָט אירע פאַרטראַכטע אויגן אויפגעהויבן און דערזען ביי דער זייט וואַלד אַ פּאָר ציגיינערישע שוואַרצע פערד מיט פאַרפלאָכטענע שוואַרצע גזשיוועס. אונטער יונגע כוינע-ביימלעך זענען זיי אַרומגעגאַנגען מיט איינגעטיפטע מיילער און

אָראָפּגעלאָזטע אויערן איבערן פייכטן גראָז, וואָס האָט נאָך גע-
הויכט מיט דער מאָרגן-פרישקייט און געבלישטשעט מיט טראָפּן
טוי קייגן דער זון. און די ביימלעך, שטייענדיק, ווי אויסגע-
שטעלט מיט זייערע יונגע גרינע קעפּעלעך איינס הינטער דאָס
אַנדערע, האָבן אויסגעזען ווי שטיגן אויפן וואַלד אַרויף, און זיי
האָבן אויף דעם וואַלד אַרויפגעקוקט, און דער וואַלד האָט אי-
בער זיי אַראָפּגעקוקט.

אַהין האָט שרהלע געצויגן פריידקען מיט אירע שטילע
בליקן, און זיי זענען צוגעגאַנגען, איינקוקנדיק זיך שטיל צווישן
די ביימלעך אין דעם טונקעלן שאָטן. פון דער טיפער טונקל-
קייט האָט זיך אַ ווייס ביידל אַרויסגעבלייכט, צוויי געלע בריטש-
קעס, מיט רויטע שטרייפן אַרום די קעפּ און איבער די ספּרע-
כעס פון די רעדער, זענען געשטאַנען ביי דער זייט ביידל.
אַקייגן האָט זיך אַביסל צערודערט שטרוי געוואַלגערט און אויס-
געלאָשענע קוילן און אָפּגעברענטע העלצלעך אַרום אַ שוואַרצן
פלעק, וואָס איז געווען אויסגעברענט אויפן גראָז. נאָר אַ טיפע
שטילקייט האָט אויף אַלץ גערוט, און דער מאָרגן האָט זיך ערשט
אין די טונקל-פאַרבאָרגענע ערטער אין וואַלד געוועבט...

אַ שטילקייט האָט שרהלען אַרומגעכאַפּט — און שטיל, ווי
עמיצער וואָלט איבער איר מיט אַ פינגער באַפוילן פאַרזיכטיק צו
זיין — האָט זי מיט שטילע לייכטע טריט אָנגעהויבן צווישן די
טיפע ביימלעך אַריינצוגיין, און פריידקע נאָך איר, נאָך שטילער...
מיט נאָכמער שטילע בולט-אויסגעשטעלטע אויגן...

זיי זענען שוין פאַרבייגעגאַנגען פאַר דעם אָפּגעברענטן
פלעק אויף דער ערד, און ביי דער זייט ביידל, ווו די פלאַכ-
טע איז געווען אויפגעשאַרצט, זענען זיי שטיין געבליבן און
אַריינגעקוקט...

אינעווייניק איז טונקל. נאָר בלייכע פּנימער פון אויסגעמאַ-

טערטע פרויען מיט שוואַרצע צעלאָזטע האָר, און קינדערלעך ביי די זייטן, האָבן זיך פון טונקעלן בעטגעוואַנט אַרויסגעבליקט... אַ מידער שלאָף האָט איבער זייערע פנימער און פאַרמאַכטע אויגן אַרומגעשוועבט, און אַ טיף איינגעהאַלטן שנאָרכן האָט דאָס בילד אָנגעפילט.

שרהלע האָט באַלד דערבליקט איינע, איין עלטערע ציגאַנקע, מיט אַ געל-פאַרמינטן געזיכט און שוואַרץ-גרויע האָר איבערן געקנייטשטן שטערן, וואָס האָבן זיך ווי געוואַלגערט אויפן קאָפּ, און געלעגן איז זי אין סאַמע ווינקל אין שטרוי איינגעטיפּט און צונויפגעדרייט אין אָנטון.

— די איז זי... — האָט שרהלע שטיל מיט פריידקען זיך איבערגעבליקט, אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער אויף דער אַלטער...

— קום אַוועק... — האָט פריידקע געוווּנקען צו שרהלען אָננעמענדיק זי פאַר דער האַנט.

דערווייל האָט זיך די אַלטע אַ רודער געטון...

— שאַ... — האָט שרהלע דעם אָטעם איינגעהאַלטן און געבליקט צערודערט.

פריידקע האָט זי ביי דער האַנט אַוועקגעצויגן, און שרהלע, גייענדיק אויף די שפּיץ נעגל, האָט אַקייגן פריידקען מיט די ליפּעלעך פאַרביסן און אַ פינגערל איבערן מיילעכל צוגעלייגט...

— שאַ...

נאָר אַ פאַרשלאָפן קול האָט זיך שוין פון אונטער דער פלאַכטע דערהערט:

— קטאָ טאַם?...

פריידקע איז שטיין געבליבן:

— סוֹוּי... — האָט זי צוריק געענטפערט. און באַלד האָט זיך דאָסזעלבע געזיכט, מיט דיזעלבע צעשויבערטע גראָע האָר

פון דעםביידל אַרויסגערוקט און שטום איבערגעקוקט זיך מיט די צוויי מיידלעך...

זי האָט זיך איבערגעצלמט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן און די ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט, ווי געכּישופט... דערנאָך האָט זי זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעשאָקלט דאָס שטרוי. וואָס האָט זיך איינגעהעפּט אין איר קלייד מיט די שוואַרצע און רויטע שטרייפן. און ווידער אירע פאַרשנדיקע, שטילע אויגן צו פריידקען און שרהלען אויפגעהויבן...

— וואָס איז אייער באַגער, און מיט וואָס קאָן איך אייך דינען, טעכטערלעך?... — האָט די ציגאַנקע געפרעגט פאַר־ריכטנדיק זיך די האָר אויפן קאָפּ.

— מיר האָבן גאָרנישט פאַרלאַנגט... מיר זענען דאָ פאַר־בייגעגאַנגען און צוגעקומען... — האָט פריידקע געזאָגט.

— „אָוושעם"... — האָט די ציגאַנקע געענטפערט — און אַזוי האָט איר גאָרנישט געדאַרפט? און וואָס איז יענע אַזוי בלאַס, וואָס איז מיט איר?.. — האָט זי אויף שרהלען אָנגע־וויזן.

שרהלע האָט די בליקן צוגענומען, צוגערירט זיך צו פרייד־קען, און קרענקלעך דעם קאָפּ אויף פריידקעס אַקסל געלייגט...

— וואָס איז דיר, טאָכטער?... — האָט די ציגאַנקע שרה־לען אָנגעקוקט, און שטיל, פאַרוווּנדערט, מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט...

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. דערנאָך האָט די ציגאַנקע אַרויסגענומען אַ פּאַש קאָרטן פון בוזעם, און נישט פרעגנדיק מער, האָט זי זיך אויפן גראָז אַראָפּגעלאָזט פאַר פריידקעס און שרהלעס פיס:

— איך וועל דיר קאָרטן לייגן... — האָט זי אירע בליקן .. שרהלען אויפגעהויבן, דערנאָך צו פריידקען.



839. אלינו

שרהלע איז שטיל געווען, שטיל און באַצערט, און פריידקע האָט געענטפערט פאַר איר:

— לייג איר קאָרטן...

האָט די ציגאַנקע דעם גראָבן פינגער אָן די ליפן באַפייכט און גענומען מישן די קאָרטן. זי האָט זיי פאַנאַנדערגעוואָרפן אין דריי רייען איינע אונטער דער אַנדערער, און פון דאַנען אַרויס האָט זי אָנגעהויבן צו זאָגן:

— וואָס וויינט עס אַזוי דיין האַרץ אין דיר, טאָכטער שיינע? וואָס פאַר אַ גרויסע מרה-שחורה האָט זיך אין דיין האַרץ באַזעצט — — און וואָס קורטשעט זיך דיין האַרץ פון ביטערקייט?...

— מיר איז ביטער — האָט שרהלע געענטפערט — אַז מיין געליבטער איז אַוועק פון מיר...

— „טשעמנאָ-בלאָנדין” האָט דיר דיינע געדאַנקען צוגענומען... און דו בענקסט נאָך אים, ווי דער נאַכטיגאַל אויפן צווייגל אין אַ שטילע פרילינגס-נאַכט צו די סאַמעט-בלאָע הימלען... אין טיפסטן שלאָף, ווען דו האַלסט נאָך די אויגן צו, וואַכט שוין אַ זיסער רעיון אין דיר, און דיין האַרץ וועקט זיך פון אַ ווייט שטיל געזאַנג, ווי דער פויגל אין זיין נעסט פון דעם ערשטן זון-שטראַל... און פאַר וואָס געפינסטו דיר קיין רו נישט, פאַר וואָס איז דיר דער שלאָף פרעמד געוואָרן?...

— ווי אַזוי קאָן איך שלאָפן, אַז איבער מיר שטייען שטענדיק מיין געליבטנס שיינע אויגן? קיינער אין דער וועלט האָט נאָך אַזאַ געליבטן נישט געהאַט, קיינער האָט נאָך נישט געזען אַזוינע ברענענדיקע אויגן, אַזאַ הויכן שטאַרקן האַלז, ווי ער האָט דעמאָלט, ווען ער זיצט אויף זיין פערד מיט דער שפּיצרוט אין דער האַנט...

דיין געליבטער האָט פערד, דיין געליבטער איז אַ ריי-

כער און דו ביזט אַ וואַלד-מיידל... ער וועט זיך זוכן אַ נײַ-ליבטע, וואָס גייט אין זייד געוויקלט און טרעט אויף פּלוש... דיין געליבטער קאָן זיך אויף פּיאַנע-שפּילן... נאָר דאָס שטומע געזאַנג, וואָס דערוואַכט אין אַ האַרץ פון אַ וואַלד-מיידל, איז אים פרעמד. דאָס איז צו אָרעם...

— מיין געליבטער זוכט נישט קיין רייכקייט. מיין געליבטער איז אַליין רייך.

— און קיין שיינע פּאַר אים ביזטו אויך נישט... זאָלסט אַפילו אַלע פרימאָרגן צונויפקלייבן די לויטערסטע טראָפּן טוי פון די גרעזלעך, ווען זיי בלישטשען קייגן דער זון, און פון זיי דיר אַ האַלז פּערל אויפציען, וועט ער דיר אויך זאָגן, אַז דאָס האָט קיין ממשות נישט... דיין געליבטער גלייבט נישט אין אַזאַ שיינהייט...

— מיין געליבטער ליבט דעם פרימאָרגן... ווען די טראָפּן טוי בלישטשען אויף די גרעזער, דעמאָלט גייט ער שפּאַצירן אין פעלד...

— ער ליבט נאָר די לויטערע טרערן פון דעם יונגן מאָרגן, ווייל זיי בלישטשען שיין... אָבער ער פאַרשטייט זיי נישט, ווי ער פאַרשטייט דיך נישט... — און הייבסטו אויף דיין בליק און קוקסט אויף די ביימער, ווי זיי שאָקלען שטיל מיט די קעפּ און די בלעטלעך רוישן אומעטיק — דעמאָלט פאַר-שטייט נישט דיין געליבטער, וואָס דעם האַרץ פון אַ וואַלד-מיידל פעלט...

אומזיסט, „דזשעוווטשינאַ", אומזיסט... ער האָט דיר נאָר דעם קאָפּ פאַרדרייט, און אַ שווערער גורל וואַרט אויף דיר... — האָט די ציגאַנקע געענדיקט און אויפגעשטאַנען פון דער ערד.

שרהלע האָט נישט געפּילט. ווי די גאַנצע צייט זענען איר

צוויי ליכטיקע טרערן געשטאַנען אין · אויגן, נאָר פריידקע האָט זי ערשט דערמאַנט:

— וויין נישט, שרהלע... וויש דיינע טרערן אָפּ...

— לאָמיר גיין — האָט זי מיט אַ צעבראָכן האַרץ געענטפערט — לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען... די ציגאַנקע איז אַ שלעכטע...

האָבן זיי זיך ביידע ביי די הענט אָנגענומען, און לאַנגזאַם, ווי אַ ווינטל וואָלט מיט זיי אַרומגעבלאָנדזשעט, זענען זיי צוריק אַהיימגעגאַנגען דורך דעם טיפען וואַלד, מיט בלאַסע פאַרטראַכטע פּנימער, איינגעטיפּט אינם שאָטן צווישן די געדיכטע צווייגן, וואָס האָבן איבער זייערע קעפּ געהאָנגען און פון טיפן וואַלד צו זיי שטום אַרויסגעקוקט...

דערנאָך האָט זיך שרהלע געזעגנט מיט פריידקען און אַליין האָט זי זיך צוריק געזעצט הינטער איר פענצטער, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן ווי פון מידקייט, און אַזאַ שטילקייט, אַזאַ בלאַסקייט האָט זיך אויף איר געזיכט צעגאָסן, אַז ווען דער פאָטער האָט זי דערזען, איז אים דאָס האַרץ איינגעפאַלן, און אונטער די אָרעמס האָט ער זי אין שטוב אַריינגעפירט, אויף איר בעטל אַרויף, און אַזוי איז זי שוין אָפּגעלעגן דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג.

און צומאָרגנס אינדערפרי ווען זי האָט די אויגן געעפנט, האָט זי געטראָפן פריידקען זיצן נעבן איר בעטל.

אין צימער איז האַלב-פינצטער געווען — נאָר דורך דער אָפענער טיר פון דער פאָרנדיקער שטוב האָט זיך אַ זייל ליכטיקייט אַריינגעלייגט.

— וואָס מאַכסטו, שרהלע? — האָט זי פריידקע געפרעגט מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים און טרויעריק אויסגעשטעלטע אויגן.

— וואָס איז ערשט? — שרהלע געפרעגט — צי איז ערשט אינדערפרי?..

— יאָ... — האָט פריידקע געענטפערט — פרימאָרגן... זאָל ער דיר אַ רפואה־שלמה ברענגען...

— און פאַרוואָס איז דער לאָדן נאָך צו?...

— דיין טאַטע האָט געהייסן אַזוי, אַז דו זאָלסט קאָנען שלאָפן...

— און ווו איז ער, דער טאַטע?...

— ער איז אין שטאָט אַריינגעפאָרן... דו ביזט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן... דו ביזט זייער אומרויק געווען, זאָגט ער... און ער האָט זיך שטאַרק געשראָקן...

— און ביי דער סטאַציע וועט ער אָפּטרעטן?...

— זיי דיך נישט מצער, שרהלע... לעאָן ווייס דאָך דעם וועג אָן דיין טאַטן אויך... אפשר, וועט גאָט העלפן און ער וועט נאָך היינט קומען...

— היינט... — האָט שרהלע אָפּגעזיפצט און שטיל געבליבן.

— פריידקע — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום געבעטן זיך — מאַך מיר אויף דעם לאָדן... לאָמיך כאָטש דעם ליכטיקן טאָג זען...

פריידקע האָט אַזוי געטון, און די שטוב איז מיט אַ ליכטיקייט אָנגעפולט געוואָרן.

שרהלעס געזיכט איז היינט הייס געווען, ווי דאָס העמד אַרום איר האַלז, אויף וועלכן, מען האָט ביי דער זייט געזען דאָס רודערן פון פולס. די ליפּלעך זײַנע זענען פאַרברענט, די אויגן עטוואָס איינגעפאַלן און די הענט זענען אָנמעכטיק געלעגן איבער דער צודעק.

אַ ווײַלע איז זי געלעגן שטיל, מיט אַ פאַרגליווערטן

פייכטן בליק קיינן פענצטער, דערנאָך האָט זי פריידקען גע־בעטן מיט אַ שוואַך קול:

— פריידקעשי... איך בין אַזוי שוואַך... טאָמער וועט לע־אָן אָנקומען, וויל איך מיך אָנטאָן...

— זײַ נאָר געזונט, שרהלע... וואָס טויג דיר ערשט זיך אָנצוטאָן...

— פיר־זשע מיך אַזוי אַביסל אַרויס, כאָטש דעם דרויסן אָנצוקוקן... — האָט זי זיך ווייטער געבעטן, אונטערהייבנדיק דעם קאָפּ פון געלעגער.

פריידקע האָט איר געהאָלפן זיך אָנצוטאָן, און שרהלע האָט איר דערציילט, ווי שווער עס איז איר דעם קאָפּ צו האַלטן, און אַז אין די אויגן עפּעס ברענט איר, ווי מען וואָלט איר זאַמד אָנגעשיט...

— עס וועט דיר, מיט גאָטס הילף, גאָרנישט זײַן... — האָט איר פריידקע געטרייסט, און אונטערהאַלטנדיק זי אונטערן אָרעם, געהאָלפן איר פון שטוב אַרויסגיין.

די זון איז געשטאַנען אינמיטן בלאָען הימל. טייכן ליכ־טיקייט האָבן זיך צעגאָסן אַרום, און שרהלע האָט די אויגן צוגעמרוזשעט און פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט איבער דעם שטערן.

דערנאָך האָבן זיך ביידע אויף דער הויז־שוועל געזעצט און געקוקט אין פרייען פעלד אַרײַן...

אַ שטיל ווינטל האָט געבלאָזן. דער וואַלד פון הינטערן הייזל האָט זיך אַלעמאָל אויפגעכאַפּט מיט אַ לייכט געראויש, וואָס האָט די געדאַנקען פאַרשיכורט, און איבער די פעלדער קייגנאיבער מיט די הויכע העלע זאַנגען, וואָס האָבן זיך פאַרן ווינטל געוויגט און די קעפּלעך געבויגן, זענען פאַסן ליכט גע־שוומען, און דאָס האָט שרהלעס בליק אַזוי אײַנגעמידט, אַז זי

האָט נישט-ווילנדיק אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער זייט פון דער טיר און דאָס געזיכט איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ מידע בלאַסקייט.

— פיר מיך צוריק אין שטוב... — האָט זי פריידקען געבעטן מיט אַ קרענקלעכע מינע אָרום מיילעכל — פיר מיך צוריק...

האָט זי אָבער אין שטוב אויך נישט געקאָנט איינזיצן, האָט זי זיך אַלעמאָל געלייגט און אויפגעהויבן פון בעטל. אי-בער דער שטוב זיך אַרומגעדרייט, און ווידער זיך געלייגט.

— און וואָס וועט זיין, אַז לעאָן וועט קומען, און איך קאָן דאָך צו אים נישט גיין, וועט ער קומען אַהער — און דאָ איז אַזוי פּראָסט... אַזוי גאָרנישט אויפגעפּיצט...

— זאָרג נישט, שרהלע... ער ווייס דאָך... ביי אַ דאָרפס-ייד אין שטוב... וואָס דאַרף מען...

— וועל איך אפשר מיט גרינעביימלעך מיין חדרל אויפפּוצן ?...

— מען דאַרף נישט... — האָט פריידקע בלאַסלעך גע-שמייכלט — ער וועט נאָך מיינען, אַז ס'איז היינט שבועות...

— ער וועט נישט מיינען... איך וועל אים זאָגן: אין שטאָט מען זאָל זיין, פּוצט מען מיט עפּעס אַנדערש אויס... און דאָ, ווייל ס'איז אין וואַלד, קריגט מען גאָרנישט...

— דאַרף מען גאָרנישט... ביזט אַ נאַרישע שרהלע... — האָט זיך פריידקע איבערגעבויגן איבער איר און אָנגעקוקט זי מיט אַזוינע גוטע אויגן און מיט אַזאַ שמייכל, פאַר וועלכן שרהלע האָט זיך פאַרשעמט און געמוזט די בליקן אַראָפּ-לאָזן...

אַזוי האָט שרהלע מיט פריידקען שטילערהייט פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג צווישן זיך...

און פאַרנאַכט צו, ווען די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן הינטערן וואַלד, האָט שרהלע פריידקען פון שטוב אַרויסגעצויגן, אַ קוק צו טון איבערן וועג, ווו דער פאָטער דאַרף אָנקומען...

דער צלם, וואָס איז נעשטאַנען ווייט איבערן זאַמדיקן וועג, וואָס האָט זיך צווישן פעלד און הייזל אויסגעשפּרייט, איז שוין געווען באַלויכטן איבער דער אייבערשטער העלפט מיט די לעצטע שטראַלן. אַ באַרנעבוים, וואָס איז קייגנאיבער דעם הייזל געשטאַנען, האָט אויסגעזען ווי אונטערגעצונדן מיט אַ פּורפּור־רויטקייט אויפן שפּיץ. אַ צעגאָסענע רויטקייט האָט זיך אויך אָנגעשלאָגן אויף שרהלעס און פריידקעס געזיכטער, שטייענדיק פאַרן הייזל. אויפן פעלד האָבן זיך שוין לאַנגע שאָטנס אויסגעצויגן, און אַ טונקעלע מרה־שחורה האָט זיך פון מזרח־זייט אָנגערוקט, די גאַנצע וועלט אין אירע טונקעלע אָרעמס אַריינצונעמען, און געקראָכן איז זי קייגנאיבער די טונקל־רויטע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן זיך מיט אַ געפּרעסט שטיל־שווייגן איבערן הימל געצויגן.

— מען זעט נאָך נישט קיינעם... — האָט שרהלע שטיל אויסגערעדט. און אירע שטילע פייכטע אויגן האָבן אָנגעהויבן איבערן ווייטן וועג צו בלאָנדזשען. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום באַרנעבוים, וואָס איז ביים פּלאָט געשטאַנען, האָט זיך אויף דעם פּלאָט אַרויפגעשטעלט, מיטן קאָפּ אונטער די צווייגן, און מיט נאָך מער פאַרצווייפלונג געקוקט איבערן וועג אַראָפּ.

די זון איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען, הינטערן וואַלד האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, דאָס פענצטער פון הייזל האָט בלינד געקוקט אויפן וועג אַרויס. און שרהלע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן וועג, אָנגעלענט אָן פריידקעס אַקסל און געקוקט מיט דערזעלבער פאַרביטערטקייט אויפן וועג אַרויס.

פון דער ווייטער טונקלקייט האָט אַ שוואַרצער פלעק אָנ־געהויבן אַרויסצושווימען, און שרהלע האָט אָן זיין שאָקלען זיך דערקענט, אַז דאָס איז אַ פערד מיט אַ דוגע...

זי האָט פריידקען געצויגן פאָרויס... נאָר פריידקע האָט זי אָפּגעהאַלטן, ביז דאָס פערד־און־וועגעלע איז געקומען אָנצו־פאָרן, און שרהלע האָט שוין דערזען דעם פאָטער זיצן מיט די לייטשעס אין דער האַנט!..

— טאַטע!...

— שרהלע!.. — האָט שוין איינער דעם צווייטן, דער־זעענדיק זיך, אויסגערופן.

דער פאָטער האָט באַלד צוריק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, האָט זיך מיט דעם פערד־און־וועגעלע צום הייזל צוגעשאָקלט, הינטערן סאַמע פענצטער. און שרהלע איז אים שוין הינטן נאָכגעגאַנגען מיט אַ ביטערלעך געוויין.

— נישטאָ מיין לעאָן, נישטאָ... און נאָכוואָס ביזטו גע־פאָרן?... — האָט זי געקלאָגט אויפן קול, אַזוי, אַז פריידקע איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע.

— טאָכטערשי... נו, וואָס זאָל איך דיר טון?... האָסט די נאַכט אַזאַ שלעכטע נאַכט געהאַט, בין איך געפאָרן צום רבין... ער האָט מיר געגעבן אַ סגולה פאַר דיינעטוועגן... און פון דאָק־טאָר, להבדיל, האָב איך דיר אַ פלעשעלע געבראַנגט אויף איינ־צושלאָפן...

נאָר שרהלע האָט שוין קיין וואָרט נישט געהערט. און אַן אונטערגעהאַקטע איז זי אויף דער ערד געפאַלן מיט אַ העפטיק געהעשריי און פאַרשטעלטע הענט פאַרן פנים...

פריידקע איז טאָג ביי טאָג געקומען געוואָר ווערן צו שרהלען, וואָס זי מאַכט. טאָג ביי טאָג פלעגט זי איר טרעפן ליגן אויפן בעטל, די אויגן האַלב פאַרמאַכט, ווי פאַרזונקען אין

אַ טיפן חלום, פון וועלכן זי פלעגט זיך טײלמאָל ביי אַ ליאַדע שאָרך אויפכאַפּן מיט אַ צעמישטן קוק איבער דער שטוב — אַ האַלבער טאָג האָט געדויערט איידער זי פלעגט אַביסל צו זיך קומען, און פון פריידקעס טרייסט-ווערטער פלעגט איר אויך נישט גרינגער ווערן.

טרויעריק פלעגט פריידקע זיין צו איר קומען, און טרויעריק פלעגט זי פון איר אַוועקגיין.

נאָר איינמאָל איז זי געקומען צולויפן שטאַרק אָפּגעסאַפּעט און מיט בלישטשענדיקע אויגן פאַר פרייד. גלייך האָט זי געוואָלט אַריין צו שרהלען אין צימער, נאָר שרהלעס פאָטער האָט זי אָפּגעשטעלט און געפרעגט, וואָס דאָס איז....

— לעאָן איז געקומען! — האָט זי אויסגעשריגן.

— לעאָן...—האָט זי דער פאָטער דערשטוינט אָנגעקוקט—דערבאַרעם דיך... זי וועט עס נישט אויסהאַלטן, ווי שוואַך זי איז...

און ער האָט פריידקען צו דער טיר פון צימער צוגעפירט, שטילערהייט אויפגעעפנט זי און ביידע האָבן געקוקט צו שרהלען איבערן בעטל...

קוים וואָס מען האָט איר אָטעם געהערט; דער קאָפּ מיט די לאָקן פאַרוואָרפן, די אויגן האַלב אָפן, און אַזוי מיד, אַזוי פאַרחלשט, נאָר אַ שפּריץ וואַסער צוגעבן איר איבערן פּנים, אויף די פאַרברענטע ליפּעלעך אַ טראָפּן דערפרישונג אַרויפצולאָזן...

— זאָל איך גיין זאָגן איר?... — האָט פריידקע שטיל געפרעגט דעם אַלטן.

— ... איך האָב איר איינגעגעבן אויף שלאָפן... — האָט דער אַלטער געענטפערט — און ס'איז נאָך נישט די צייט צו וועקן זי...

— דאַכט זיך, אַז זי קרימט עפּעס דאָס מײלכל... — האָט

פריידקע מיט אַ פינגער אָנגעוויזן.

— יאָ... זי קרימט זיך פון שלאָף...

— און די שטילקייט איבערן בעטל... עפּעס אַזאַ מאָדנע שטילקייט...

— דאָס איז די מידקייט אירע... מען פילט זי, דאַכט זיך איבער דער גאַנצער שטוב... אין די ווינקעלעך שוועבט זי אַרום

פריידקע איז שטיל געבליבן, און אין אַ ווײַלע אַרום ווײַטער געפרעגט מיט אַ שטילער פאַרזאָרגטקייט:

— וויפל קראָפּלעס האָט זי אײַנגענומען?...

— די שטאַרקסטע מאָס... פינף...

— עפּעס שלאָפט זי צופיל אײַנגעטון...

— זאָל גאָט היטן... — האָט דער אַלטער אַ רודער געטון מיט דער האַנט.

— זי רודערט זיך... — האָט פריידקע זיך אָנגעהויבן אײַנצוקוקן.

— ניין... דאָס איז איבער מיין רודער מיט דער האַנט... האָט דיר אַ שווינדל געטון פאַרן אויג...

— און אַז מען נעמט מער ווי פינף קראָפּלעס?... האָט פריידקע שוין באַאומרויקט געפרעגט, מיט אויסגעשטעלטע אויגן איבער שרהלעס געזיכט — איך וויל נאָר דעם אָטעם הערן. — זי האָט אַ שטילע באַוועגונג געמאַכט, און אויף די שפּיץ-נעגל זיך צום בעטל צוגערוקט, איבערגעבויגן, און אײַנגעהערט...

שרהלעס געזיכט האָט זיך אָנגעהויבן צו קרימען פון שלאָף, און געזען האָט מען ווי זי אַמפּערט זיך עפּעס, אַ באַוועגונג אַרויסצוברענגען, נאָר זי איז אָנמעכטיק.

האָט פריידקע אויף איר רחמנות געקריגן, און איבערגעוועקט זי:

— וואָס איז דיר, שרהלע?

— אוי, פריידקעשי... — האָט שרהלע ערשט, אַרומקוקנ־דיק זיך, שווער אָפּגעאָטעמט.

— וואָס איז דיר אַזוי שווער... טאָכטערשי?... — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— איך האָב מיך געוואָלט אויפכאַפּן... מיר האָט זיך גע־דאַכט אין שלאָף, ווי איך הער דורך דער וואַנט דיין קול, פריידקע... איך הער, דו רוימסט דעם טאַטן איין, אַז לעאָן איז שוין געקומען... און עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען כאַפּט דאָס פּאַר אַ סוד... און איך וויל מיך אויפכאַפּן און קאָן נישט... און עפּעס האָט איר דאָ איבער מיין בעטל געשמועסט... איך ווייס נישט וואָס... נאָר עפּעס האָט דאָס מיך געשראָקן, ווי דער טויט... פון טויט, דאַכט זיך מיר, האָט איר געשמועסט — הא, טאַטע?...

— ניין, מיין טאָכטערשי... גיי שוין... וואָס דיר האָט זיך דאָרט געפּלאָנטערט...

— און דערנאָך האָב איך דערפילט דיין פּנים, פריידקע... איבער מיינעם... און אַז דו האָסט דיך געוואָלט צוריק אָפּרוקן, און מיך אַזוי לאָזן... איז מיר אַזוי ביטער געוואָרן...

— און דו האָסט דיך געוואָלט אויפכאַפּן?... — האָט פריידקע געפרעגט.

— יאָ... און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז לעאָן איז איך דאָ ערגעץ דאָ...

— ווילסטו צו לעאָנען גיין?...

— פריידקע... — האָט שרהלעס פאָטער איבע־געריסן.

— ס'שאַדט שוין נישט... האָט פריידקע געענטפערט, און צו שרהלען מיט אַ שמייכל זיך געווענדט — אמת דו ווייסט שוין, אַז לעאָן איז געקומען?...

שרהלע איז עפּעס היינט געווען מער ווי אַלע מאָל אויפ־



TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

געלייגט. אַ רויזע פאַרב האָט ווידער גענומען שפּילן אין אירע באַקן, און אויף זיי האָט זיך אָנגעהויבן צוריק אַרויפצוכאַפּן איר געוויינלעכע ברונעטע מראה. די אויגן האָבן געבלישטשעט, ווי אין אַ פרייד נאָך אַ לאַנגן שטילן פּיין, און קוים וואָס זי האָט זיך שוין אין שטוב איינגעהאַלטן צו קאָנען זיך כאַטש אָנטון, ווי עס איז...

— יאָג דיך נישט אַזוי... טו דיך אָן, ווי אַ מענש... גייסט דאָך עפּעס צו לעאָנען... — האָט פריידקע געשמייכלט, קוקנ־דיק אויף איר.

און אַז שרהלע האָט שוין דערלעבט צו זיין פאַר דעם קאַ־סירערס הויז, האָבן שוין די באַקן אירע גוט געפלאַמט, די לאָקן זענען ווייטער געפלויגן אין דער לופט, ווי אַמאָל... די אויגן האָבן מיט פייער געשאָסן און נאָך פון ווייטנס האָבן זיי אי־בערן פענצטער פון פריידקעס און לעאָנס וווינונג געצאַפּלט... און דערזעענדיק אַ פאַרשטויבטן ראָוער שטיין אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט פאַר דער הויז־טיר — איז זי מיט אַ ווילדע צעטראַ־גענהייט און פייערשפּריצנדיקע אויגן אַריין אין שטוב, און באַ־געגנענדיק זיך מיט לעאָנען, איז זי ווי פאַרשטיינערט געוואָרן, ביידע זענען שטיין געבליבן איינס פאַר דאָס אַנדערע מיט אַ לייכטע אָנגעצונדנקייט אין די בליקן... נאָר באַלד האָט זי מיט אַ לייכטן אויסגעשריי פון האַרץ אַרויס זיך אַריינגעוואָרפן אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, ווי איין אויסגעפייניקט פישל פון איבערן זאַמדיקן ברעג אין אַ פרישער אָנגעקומענער כוואַליע אַריין...

ביידעס געזיכטער האָבן זיך העפטיק געקרימט, נאָר אירס האָט נאָר מיט אַ ווילדע צעפלאַקערונג געברענט, בליצנדיקע כוואַ־ליעס האָבן פון די אויגן געשלאָגן, און ציטערדיק מיטן גאַנצן קערפּער, ווי פון אומבאַהאָלפנקייט, איז זי אים אויפן האַלז גע־בליבן ליגן מיט דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף זיין אַקסל, און נאָר

אָנמעכטיק האָבן זיך אירע הענט געהאַלטן איינגעשלאָסן אַרום זיין געקרויזטן קאָפּ און מאַרמאָר-שטאָלצן האַלז און געציטערט, ווי פון אַ פיבער אַרויס...

. . . . . . . . .

— זי חלשט!.. — האָט אויסגעשריגן פריידקע. וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען הינטער זייערע פּלייצעס איבער־ראַשט, ווי פאַרכאַפּט פון אַ שטורעם...

— שרהלע?... — האָט לעאָן דערשראָקן אַ געשריי געטאָן, און כאַפּנדיק זי ביים פּנים אין זיינעביידע הענט אַריין האָט ער איר אין די אויגן אַריינגעקוקט מיט אַ צעטראָגנקייט אויף זיין שטרענג אָנגעצונדן געזוכט און בולט אויסגעזוצטע אויגן.

— איך חלש נישט... — האָט שרהלע שוין עטוואָס לייכטער אָפּגעזיפצט, און אַ פאַרשעמטער מידער שמייכל, וואָס האָט פון אירע ליפּעלעך אַרויסגעטריפט, האָט באַלד דעם ווילדן גלאַנץ פון איר געזיכט צוריק אַראָפּגעווישט... און ערנסט, שטיל איז זי צוריק שטיין געבליבן צווישן זיי ביידע מיט לייכט אַראָפּ בעלאָזטע ברעמען...

— עס שאַדט נישט... — האָט זי פריידקע געטרייסט מיט אַ שטילן באַהאַלטענעם שמייכל אין די ווינקלען פון אירע זיסע בלאָע אויגן, און לעאָן, אויך מיט אַ שמייכל אויף זיין שרהדיק געזיכט מיט די שווארצע וואָנסן, האָט איר גוטמוטיק געגלעט איבערן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ...

— שעם דיך נישט... שעם דיך נישט...

שרהלע האָט די אויגן צוריק אויפגעהויבן, פריער אויף לעאָנען, דערנאָך אויף פריידקען און אין זייער שווארצער טיפקייט האָט זיך עפּעס ווי אַ שטילער סוד אָפּגעשפּיגלט... און

לעאָן האָט אַלץ געשמייכלט און לאַנג פון איר קיין אויג נישט אראָפּגענומען...

— נו, וואָס, שרהלע, מאַכסטו? — האָט ער זי געפרעגט ווען זי איז שוין געזוען באַרויקט.

— גאָרנישט... — האָט זי שטיל געענטפערט...

— זי האָט זיך פאַרשעמט... — האָט פריידקע צוגעשמייכלט קוקנדיק אַמאָל אויף איר, אַמאָל אויף לעאָנען — און וואָס שעמסטו דיך, שרהלע?... שעם דיך נישט... איך האָב איר שוין סיי ווי סיי אַלץ דערציילט... אַפילו פון די קרעפּלעס אויך, וואָס דער טאַטע האָט דיר געבראַכט אויף צו קאָנען איינשלאָפן...

— נו זעץ דיך, שרהלע... — האָט לעאָן זי ביי דער האַנט אָנגענומען און צוגעפירט זי צו אַ שטול.

זי האָט זיך געזעצט.

— ביזט ערשט אָנגעקומען?... — האָט זי זיידן-ווייך בעפרעגט.

— ערשט... — האָט ער ליבלעך מיטן קאָפּ צוגענייגט — איך גיי מיך שוין אַרומוואַשן פון וועג. און וועלן מיר אַביסל איבערגיין זיך...

— קום, לעאָן... — האָט די שוועסטער גערופן אים — אין הויז שטייט פריש וואַסער...

פריידקע מיט לעאָנען זענען באַלד אַרויס, און שרהלע איז געבליבן אין שטוב.

זי איז געבליבן ווי פאַרזונקען אין דער שטילקייט און האָט זיך קיין ריר נישט געטון. אירע שטילע אויגן האָבן עפּעס אַ פאַרזאָרגטקייט אויסגעדריקט, און די שטילקייט אין שטוב איז אַזוי טיף געוואָרן, ווי אַלץ פון פריער וואָלט עפּעס דורך אַ חלום געשען. — אַזוי זענען עפּעס שרהלעס אויגן פאַרטראַכט

געוואָרן, און אַ לייכטער זיפץ טיף האָט טיף פון איר ברוסט אַרויס-געציטערט, געפּרעסט, ווי פון אונטער אַ משא וואָס איז אויף איר האַרץ געלעגן, און קוים וואָס ער האָט זיך דורך די האַלב פאַרשלאָסענע ליפּעלעך אַרויסגעשפּאַרט.

לעאָן האָט זיך דערוויילּ אָפּגעוואַשן, איבערגעטון און איז באַלד צוריקגעקומען מיט פריידקען.

זיין פרוין געזיכט האָט ערשט געשפּילט מיט אַ רויטלע-כע פרישקייט, און זיין גאַנצע ריזיקע פיגור האָט געהויכט מיט אַ ליבלעכע אויפגערוימטקייט, ווי אַ בוים, אין זומער באַגינען, ווען די זון גייט ערשט אויף און אויף זיינע גרינע בלעטער ליגט נאָך דער מאָרגן-טוי.

— נו, וואָס זיצסטו אַזוי, שרהלע?... — האָט ער זי געפרעגט.

נאָר שרהלען האָבן זיך שוין צוויי ליכטיקע טרערן אין די אויגן געשטעלט.

— דו וויינסט גאָר!... — האָט ער שמערצלעך דאָס גע-זיכט געקרימט און געקוקט אויף איר ווי פאַרוווּנדערט...

— זי בענקט דאָך נאָך... — האָט פריידקע ווי פאַרצווייּ-פעלט אויסגערעדט — אַ נאַריש שרהלע...

בענק נישט... — האָט ער זי ביי דער האַנט אָנגענומען און איבערן קאָפּ זי געגלעט — בענק נישט... בענק נישט...

און מער האָט איר שוין נישט געפעלט... זי האָט אַ צי-טער געטון מיטן גאַנצן קערפּער, ווי אַ שטראָם וואָלט איבער איר אַדורכגעלאָפן — — און אַצינד ערשט האָט זיך אַ קוואַל טרערן אַ גאָס געטון פון אונטער אירע ציטערדיקע ברעמען אי-בער די באַקן אַראָפּ, און אַ ציטערדיק העשען האָט זי אַרומגע-כאַפּט...

פריידקע האָט שוין דאָס געזיכט פאַרבאָרגן אין אירע קלאָ-

רע ווייסע הענטלעך, און לעאָן האָט מיט אַ רחמנות־צעגאָסן־פּנים געוואָרט און געשוויגן, שטייענדיק פּאַר איר מיט אַראָפּגע־לאָזטע אויגן, ביז וואַנען זי וועט צו זיך קומען און אַליין זיך איינשטילן.

אַ צייט האָט עס געדויערט, ביז זי האָט זיך מיטן פּאַר־טיכל אָנגעהויבן די טרערן אָפּצווישן, און אַ סך שפּעטער ערשט די אויגן אויף לעאָנען אויפגעהויבן, און מיט אָפּגעהאַקטע קלאַנ־גען, ווי פון אַ צעריסן האַרץ, אַרויסגעהעשעט:

— איך... איך... האָב... שוין... נישט... גע... ווּסט... וואָס... איבער... צו... קלערן!...

ער האָט נאָך געקוקט אויף איר מיט אַ פּאַרזאָרגטן שמייכל אין די שטילע אויגן, און דערנאָך ערשט זי אָנגענומען ביי דער האַנט, און אָן ווערטער געלאָזט זיך גיין מיט איר צו דער טיר...

צו פרײדקען האָט ער זיך נאָר אומגעקוקט און שטיל גע־פרעגט:

— ווילסט אויך גיין?...

— ניין... ניין... — האָט פרײדקע געענטפערט, און לייכט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — גייט אַליין... זי האָט דיר אַ סך צו דערציילן... איך וויל נישט...

לעאָן מיט שרהלען זענען אַרויס אין דרויסן.

ליכטיק, שיין. עס בלישטשעט פון אַלע זייטן. עס פלאַטערן גאַנצע בונדן שטראַלן פון דער זון אַרויס, וואָס ציטערט און פינקלט פון בלאָען הימל אַראָפּ מיט אַ פליסיקייט, ווי זי וואָלט דעם גאַנצן פלאַץ געוואָלט אַרומכאַפּן. ברענענדיקע שטראַלן טאַנצן איבער די קלאַפּטערן האָלץ און איבער די ווייסע בזשע־זיקע ביימלעך, וואָס זענען אין אַ זייט ווי די נאַקעטע קינדער אונ־

טערן פרייען אָפּענעם הימל געשטאַנען און מיט בענקשאַפט צום אַרומיקן געדיכטן וואַלד געקוקט...

... שטיל איז געווען... און צום וואַלד צו איז שרה-לע מיט לעאָנען געגאַנגען, איר האַנט אין זיינע איינגע-שלאָסן, אַזוי, ווי אַ סוד וואָלט זי מיט אים צוזאַמענגעוועבט, און שטיל, ווי אַ שטילער סוד, האָט ער זי אין טיפן וואַלד אַריינגעפירט... און אַרומגעפלאָנדזשעט מיט איר צווישן די ביימער איבער ווייכע גרעזער. אין טיפן שאָטן איינגעהילט, ביז זיי זענען צום טייכל צוגעקומען — —

און דאָס טייכל האָט זיך געוויגט. די כוואַליעס האָבן זיך קייגן דער ליכטיקער זון געשפּיגלט. איינע מיט דער אַנדערער זיך געשושקעט, איינע נאָך דער אַנדערער נעקומען אָנצולויפן און געיאָגט זיך, נאָכבערגלענדיק זיך איינע נאָך דער אַנדערער און אַ שטיל געפּלעטשעריי האָט זיך אויף די ברעגעס אויסגע-גאָסן און פאַרמישט זיך מיט דעם לייכטן גערויש פון די אַלטע הויכע ביימער, וואָס זענען אַרום דעם טייכלס ברעג ווי פאַר-כישופט געשטאַנען און געוואַכט, ווי פאַרצייטיקע ריזן אַרום אַ בעטל מיט אַ שלאָפנדיקער בת-מלכה, און דער הימל האָט שטיל און גרויזאַם אַראָפּגעקוקט.

— וואָס קוקט עס דער הימל אַזוי בייז?...—האָט שרהלע מיט שטילן פורכט געפרעגט — און וואָס וויגט זיך דאָס שיפל אויף די כוואַליעס מיט כעס?...

— נישט בייז קוקט דער הימל... — האָט לעאָן געענט-פערט, בלאָנדזשענדיק מיט די בליקן איבערן טייכל, און אויף זיינע עפּל-באַקן און אַרום די רויזן-ליפּן האָט זיך אַן אויסדרוק פון שמערץ צעלייגט.

— וואָס איז דיר לעאָנשי?... — האָט שרהלע געבעטן אים, און וואָס ביזטו עפּעס אַזוי פאַרטראַכט?...

— זע, שרהלע... — האָט ער איר מיט אַ פינגער איבערן וואַסער אָנגעוויזן — זע, ווי פאַרטראַכט אין רעיונות דער הימל קוקט אין טייכל אַריין...

— ניין, לעאָנשי... — האָט שרהלע ווייטער געענטפערט — דיר איז עפּעס טרויעריק אויפן האַרץ... און די באַהאַלסט עפּעס פאַר מיר אַ סוד...

— וואָס זאָל מיר נישט טרויעריק זיין... — האָט ער זי אָנגעקוקט מיט ליידנדיקע אויסגעשטעלטע אויגן — אַז דאָס שיפל, וואָס וויגט זיך דאָרט צווישן דער קעמפּע, איז מיין עדות, אַז איך בין קייגן דיר נישט ערלעך געווען...

— וואָס רעדסטו, לעאָן... דו האָסט דאָך מיך ליב... און איך האָב דיך אויך אַזוי ליב, ליבער, ווי מיין גאַנץ לעבן...

— דו האָסט מיך ליב... און איך דיך אויך, נאָר אַמער וואָלטן מיר געווען, ווי די ביימער אין וואַלד, וואָס צעגייען זיך קיינמאָל נישט...

— וואָס רעדסטו, לעאָן?... — האָט זי זיך ציטערנדיק אָן זיין האַנט אָנגעכאַפּט, — זאָג מיר לעאָנשי... ווער וויל דען, אַז מיר זאָלן זיך צעגיין?...

— ווער עס וויל, שרהלע?... דו ביזט נאָך אַזוי יונג, און איך קאָן דיר נישט דערציילן דאָס אַלץ...

— דערצייל מיר לעאָנשי... דערצייל... און מיר וועלן זיך ווייטער, ווי פריער, אונטער דעם שאָטן פון די ביימער זעצן...

— און אַז דו וועסט אַפילו דיין שיינעם קאָפּ אויף מיין ברוסט אָנלענען, וועסטו מיר אויך מיין שמערץ נישט לינדערן...

— קום-זשע, לאָמיר זיך אין שיפל איינזעצן... זע, ווי העל עס איז באַלויכטן קייגן דער זון... און דאָס וועט דיר דיין שמערץ לייכטער מאַכן...

— ניין... שרהלע... ניין... דער קאָפּ איז מיר מיד, און

שיכּור בין איך פון געדאַנקען... און איך קאָן ערשט נישט פאַר-
טראָגן דאָס פלעסקען פון די וועלען, בשעת דאָס שיפל גליטשט
זיך איבער זיי.

— קום-זשע, לאָמיר זיך כאַטש אויף דער גרינעם גראָז,
קייגנאיבער דעם שיפל, זעצן...

— איך קאָן נישט, שרהלע... דאָס שיפל דערמאָנט מיך
אָן יענע טעג, ווען איך בין נאָך צו דיר אמתדיק געווען...

— און היינט ביזטו דאָך אויך אמתדיק... לעאָנשי... דו
ביזט דאָך נאָך דער אייגענער גוטער לעאָן...

— אָבער די מענטשן, פון וועלכע איך קום ערשט, האָבן
ביי מיר מיינע פריערדיקע געדאַנקען אַוועקגערויבט...

— נעם, לעאָן, האַלב פון מיינע געדאַנקען און מיר
וועלן זיך באַגנוגענען... — און וואָס טויגן דיר די מענטשן, פון
וועלכע דו קומסט... קום בעסער מיט מיר צווישן די ביימער,
און אין טיפן וואַלד וועלן מיר זיך אַ הייזל פון די גרינסטע
צווייגן אויספלעכטן און דאָרטן וועלן מיר זיצן...

— ווי קאָן מען זיך, שרהלע, מיט געדאַנקען טיילן, און
ווי קאָן מען לעבן אין אַ וואַלד?... — און דערנאָך, אַז די
וואַלד-העקער וועלן זיך מיט זייערע העק און זעגן צו אונזער
הייזל נעענטער צורוקן — וואָס וועלן מיר דעמאָלט טון?...

— דו וועסט זיי זאָגן, די וואַלד-העקער, אַז זיי זאָלן די
ביימער אַרום אונזער הייזל אויסמיידן...

— ניין, שרהלע... איך קאָן אין קיין וואַלד נישט לעבן...
איך בין פון אַ שטאָט געבוירן...

— נעם-זשע מיך צו דיר... וווּ דו וועסט זיין, וועל איך
אויך זיין... און זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, אַז איך קאָן אָן דיר
נישט לעבן...

— דו קאַנסט אָבער אין שטאָט נישט זיין...

— פּאַרוואָס קאָן איך נישט, פּאַרוואָס, לעאָנשי?... ווען דו וועסט שוין שלאָפן, וועל איך נאָך וואַך זיין, און ווען דו וועסט דיך פון שלאָף אויפכאַפּן, בין איך שוין פון לאַנג אויפגעשטאַנען...

— ביי אונז אָבער שלאָפט מען ביז צוועלף אויפן טאָג. ביינאַכט קומט מען אין פאַרשידענע געזעלשאַפטן... יעדעס פרוי־ענצימער, יעדע פרוי שפּילט „ראָיאַל״... און ווי אַזוי וועסטו קיינמאָל זיי אויסזען?...

— וועל איך זיי זאָגן, אַז ביי אונז אין וואַלד ווייסט מען נישט פון אַזאַ שפּילן... און, אַז איך האָב קיין צייט נישט גע־האַט צו טראַכטן וועגן דעם, ווייל פון באַגינען ביז די זון גייט אונטער פלעג איך מיר נאָר איינהערן צום געזאַנג פון די פייגל...

—אָבער אין שטאָט פאַרשטייט מען נישט אַזוינע רייד... און זיי וועלן קוקן אויף דיר, ווי איך אויף דעם שיקסל דאָ אין איר רויטער „סוקענקע״, וואָס האָט פאַר מיר באָרוועסערהייט רויטע יאַגדעס אַריינגעקליבן אין אַ געפלאָכטן קיישעלע פון קאָרע...

— וועל איך זיי זאָגן, די פרויען פון שטאָט, אַז איך בין אַזוי שיין ווי זיי, כאָטש זיי זענען פון אַ שטאָט און מיך האָט טאָג מיט נאַכט די זון אָפּגעברענט, און דאָס הייסע זאַמד אויף די וועגן האָט אין דער האַלב-טאָגעדיקער היץ מיינע באָר־וועסע פיס געגליט...

— דו ביזט שיין, שרהלע... דו ביזט שיין... נאָר לעבן מיט דיר וועל איך מיר די יאָרן פאַרזינדיקן... דיך וועט מען רופן „דאָרפישע״... און איך וועל דאָס צוהערן און מוזן שווייגן...

— וועל איך תמיד גיין הינטער דיר, אַז דו זאָלסט נישט זען, נישט הערן, ווי מען פאַרשעמט מיך...

— ביי אונז אין שטאָט גייט מען אָבער נישט אַזוי... נאָר מען גייט געאָרעמט...

— וועל איך יעדערן, ווער עס וועט נאָר אַ קרום אויג אויף אונז אויפהייבן, מיט זאַמד עס אים פאַרשיטן...

— ניין, שרהלע... ביי אונז אין שטאָט פירט זיך נישט אַזוי... דאָס טוען נאָר די האַלב־נאַקעטע שיקסלעך אויפן דאָרף, ווען אַ פור מיט פאַרשוינען פאָרט פאַרביי פאַר זייערע הייזלעך...

— וואָס דען זאָל איך טון... וואָס דען, לעאָנשי?.. — האָט שרהלע איר קול אויפגעהויבן מיט אַ ביטערלעך געוויין, און ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף, האָט זי דעם קאָפּ אין לעאָנס ברוסט איינגעטוליעט...

— און וואָס־זשע וויינסטו, שרהלע?... — האָט ער איר אין פּנים מיט רחמנות געקוקט — איך קאָן דיר גאָרנישט העלפן, און וואָס וועט דיר שוין אַרויסקומען דיין קלאָגן?... — האָט ער זי געטרייסט.

— לאָז־זשע מיך כאָטש וויינען...— האָט זי זיך געבעטן — וויינען — ביז מיין האַרץ וועט אינגאַנצן צעריסן ווערן...

— שרהלע ווין נישט אַזוי פיל... — האָט ער זי ווייטער געטרייסט — וויש דיר אָפּ דיינע טרערן און לאַמיר צוריקגיין... איך דאַרף היינט אָפּנעמען רעכנונג ביים קאַסירער...

— רעכנונג?... — האָט זי זיך איינגעקורטשעט, איבער־פרעגנדיק שטיל... און אַן איינגעהאַלטנקייט האָט אין איר קול געקלונגען, ווי זי וואָלט עס געוואָלט מיט די ציין צעבייסן. און אין אירע שוואַרצע אויגן האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ פונק צו צעגלין...

— ווייסטו וואָס, שרהלע... — האָט ער זי מיט גוטן איינ־געטומען — ווייסטו וואָס... דו בלייבּ דאָ... און איך וועל דיר ברענגען אַרויסשיקן מיין שוועסטער פריידקע...

— ווילסט גיין?... — האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט.

— איך דאַרף... — האָט ער געענטפערט.

— נו, גיי־זשע!... — האָט זי אים אַ לאָז־אָפּ געטון — אַזוי האָט מיר די ציגאַנקע אויך געזאָגט!... — האָט זי אים נאָך איין ביזן בליק פון ווייטנס צוגעשיקט, און ביידע זענען זיך צעגאַנגען, זי אויף דעם עק טייכל, און ער אויף יענעם עק טייכל... ער מיט איין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זי מיט אַ שטאָלץ־אויפגעהויבענעם, און מיט אַ ברענענדיקן בליק פאָרויס אין די טיפע שוואַרצע אויגן, ביז ביידע זענען אין צוויי באַזונדערע זייטן צווישן די ביימער פאַרשוווּנדן...

און שפּעטער איז שוין שרהלע הינטער איר פענצטערל געזעסן אין דעם גערטל צווישן די בלומען. די אויגן אויסגעלאָשן, דאָס געזיכט פאַרשטיינערט, בלאַס און די בלומען איבער איר קאָפּ האָבן אָפּט פון אַ שטיל ווינטל אויפגעשוידערט, און טרויעריק האָבן זיך די קעפּלעך געניינט איינס קיינגנאיבער דאָס אַנדערע און געוויגט זיך שטיל, מאָנאָטאָנע, ווי אַבלים אין איין אָבלשטוב... זעלטן האָט זיך אַ לייכט געצוויש צווישן די ביימער אין וואַלד דורכגעטראָגן, און די בלעטלעך האָבן אויף אַ רגע אויפגעציטערט און ווידער שטיל געבליבן... איבערן הימל האָבן זיך גראָלעכע וואָלקנדלעך געצויגן, אַריינקוקנדיק צווישן וואַלד און הייזל, שטיל, פאַרשנדיק, און שרהלע איז אויף איין אָרט געזעסן שטום און אומבאַוועגלעך.

דער פאָטער, וואָס האָט נאָך ביים אויסגעברענטן אויוון צו כּוּן געהאַט, האָט די אַרבעט אָפּגעלאָזט און איז צוגעקומען צו איר מיט אַ טרויעריק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

— שרהלע... — האָט ער זיך געבעטן — וואָס זיצסטו שוין ווייטער אַזוי?...

שרהלע האָט נישט געענטפערט, און אַ שטומע, ווי פרי־ער,ווייטער געזעסן...

— שרהלע... וואָס ווילסטו פון דיין אַלטן טאַטן האָבן?... וואָס ווילסטו פון זיין לעבן האָבן?...

שרהלע האָט נאָר אַ שטומען פאַרגליווערטן בליק געוואָרפן אויף אים און ווייטער נישט געענטפערט.

— שרהלע — האָט דער אַלטער מיט אַ ציטערניש אין קול אַרויסגעפּלאַצט — שרהלע? דו ווילסט, אַז דיין טאַטע זאָל נאָך לעבן אויף דער וועלט — — — שרהלע, ענטפער מיר!...

— נו, וואָס ווילסטו?... — האָט זי רויק און קאַלטבלו־טיק דעם קאָפּ אויפגעהויבן און געפרעגט.

— וואָס פעלט דיר שוין ווייטער?... לעאָן איז דאָך שוין דאָ!... — האָט דער פאָטער געפרעגט. נאָך דערויף האָט זי ווײ־טער נישט געענטפערט און צוריק אַראָפּגעלאָזט דאָס געזיכט מיט דער זעלבער פאַרשטיינערטקייט.

דער אַלטער האָט מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט, און אַ פינצטע־רער יאוש האָט פון זיינע אויגן אַרויסגעקוקט.

— איך האָב דאָך דיך שטענדיק געוואָרנט — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו וועסט אים דערעסן ווערן... און זע, וואָס דו האָסט אויסגעפירט...

— גיי אַוועק פון מיר!... — האָט זי באַהאַרצט געבעטן, אויסשטעלנדיק די אויגן אויפן פאָטער און אין איר קול איז שוין אַ בייזע פאַרביסנקייט געלעגן.

און אַז דער אַלטער האָט נישט געפאָלגט, איז זי פון דער ערד אויפגעשטאַנען און פינקלענדיק מיט די אויגן אויס־געשריען:

— איך דאַרף נישט קיינעם... נישט לעאָנען, און נישט דיך אויך... אַוועק פון מיר!... אַליין וויל איך זיין!

און ביי די ווערטער האָט זי דאָס געזיכט אָפּגעקערט און איז אַוועק אין עק וואַלד און געזעצט זיך דאָרט אונטער אַ בוים...

— שרהלע... אַזאַ קילער טאָג... — האָט דער אַלטער נאָך געפּרוּווט איר פּונדערווייטנס צו שרייען — שרהלע... דער הימל פּאַרוואָלקנט זיך... און די לופט איז אַזוי פּייכט — האָט ער מיט אויסגעשפּרייטע הענט אינדערלופט אַריינגעוויזן, און שטיל, ווי פאַר זיך, דערענדיקט: — פון האַלבן טאָג אָן איז איין איבערקערעניש געוואָרן אויף איר... און אויף אַלץ...

שרהלע האָט זיך שוין מער נישט אומגעקוקט און דער אַלטער איז צוריק אַוועק צום אויוון, וואָס האָט זיך נאָך אי־בערן בערגל גערייכערט מיט אַ נעפּל שוואַרצן רויך, וואָס האָט זיך אָן דער ערד אָנגעשלאָגן, אַרומוואַלגערנדיק זיך אין דער גראָער פייכטער לופט.

פאַרנאַכט האָט די זון אַרויסגעקוקט פון אונטער אַ גראָער געדיכטער כמאַרע מיט אַ געל־געשלאָגן געשטאַלט, און אַ טרויעריק בלייכע שיין האָט זיך איבער פעלד און וואַלד צעגאָסן. שרהלע איז נאָך אַלץ געזעסן הינטער איר הייזל, און קוקנדיק אויף דעם פענצטערל, וואָס האָט זיך אַזוי בלייך רחמנותדיק אָפּגע־שפּיגלט קייגן דער אונטערגייענדיקער זון — האָט זי זיך ווייטער פאָרגעשטעלט ווי שטיל, ווי אומעטיק אין איר חדר מוז ערשט זיין... נאָר אין אירע אויגן, וואָס האָבן אצונד אַזוי אויסגעלאָשן געקוקט, איז שוין געלעגן אַ פאַרבאָרגענע קאַלטקייט צו דעם אַלעם, וואָס אַרום איר און מיט איר טוט זיך... און אַז די זון האָט זיך מיט אַ געל פאַרזונקען געשטאַלט נאָך מער אָפּגערגע־רוקט פון אונטער דעם וואָלקן, און דאָס גאַנצע הייזל מיט דעם פענצטערל און די בלומעלעך הינטערן פענצטערל זענען מיט אַ געלע ליכטיקייט פאַרגאָסן געוואָרן, — איז שרהלע שטום פון

איר אָרט אויפגעשטאַנען, אַ פינצטערן בליק געוואָרפן צו דעם גערטל און מיט אַ קאַלט פאַרשטיינערט געזיכט האָט זי זיך צווישן די בלומען אַריינגעשטעלט מיט אירע לאַנגע צעלאָזטע האָר ביז איבערן גאַרטל, און איינציק-ווייז האָט זי די בלומען-קעפּלעך פון די שטענגלעך געריסן — אַ קעפּל נאָך אַ קעפּל, און אויף דער ערד זיי געוואָרפן...

איר געזיכט האָט זיך געגעלט קייגן דער זון מיט אַ מוראַ-דיקער קאַלטער טויטקייט, און ווען זי איז אַזוי געשטאַנען פאַר-טון אין איר אַרבעט, האָט זיך פון אונטערן וואַלד דערהערט אַן אומעטיק שפּילן פון אַ „פּויאַרקע״, ווי אַ פּאַסטוכל וואָלט זיך ערגעץ געקלאָגט אויף זיינס אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע אין וואַלד... די טענער האָבן זיך מעלאַנכאָליש געגאָסן אין דער שטילער פאַרנאַכטיקער לופט, מיט איין אומעטיק בענקען אָנגע-פּילט. גאָר באַלד האָט זיך דער וואַלד מיט אַ לייכטן שוידער אויפגעכאַפּט, די טענער פון דעם פייפל האָבן האַסטיקער און בייזער אָנגעהויבן אין דער לופט אָפּצושלאָגן און אַלץ, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטון, האָט זיך ווי אין איין האַרמאָניע אויס-געגאָסן און אין איין טאַקט אַריינגעקומען: דער וואַלד האָט גע-רוישט און גערוישט און שרהלע האָט די בלומען געפליקט און געפליקט!...

דערנאָך איז זי אַריין אין איר באַזונדערן חדרל, האָט דאָס געלעגער אַראָפּגענומען פון איר בעטל און האָט עס אויף דער ערד צעלייגט מיט צוויי קישנס אונטערגעבעט, האָט פון אַ שענקל אַראָפּגענומען צוויי לייכטער, געשטעלט זיי צוקאָפּנס דעם געלעגער און צוויי ליכט האָט זי אין זיי אָנגעצונדן.

די ליכט האָבן געברענט. איבער די ווענט פון חדרל האָט זיך אַ רויטע שטילע ליכטיקייט צעגאָסן, און אין דער לופט האָט

זיך דער טאָג מיט דער נאַכט צונויפגעמישט, די רויטע ליכטי־קייט אין חדרל, און די בלייכע שטראַלן פון דעם זון־אונטער־גיין, וואָס האָבן דורכן פענצטערל אַריינגעשלאָגן.

שרהלע האָט זיך נאָכאַמאָל איבערן שטילן רויט־בעלויכ־טענעם געלעגער אומגעקוקט, אזן באַלד האָט זי פון דער פּאָרנ־דיקער שטוב אַריינגעברענגט אַ פיר־עקיקן פאַרשטויבטן שפּיגל, אויף וועלכן אַ שוואַרץ שטריקל האָט איבער זיין טונקל בראָנ־זענער ריים נאָכגעהאָנגען. זי האָט דאָס שטריקל אַראָפּגעריסן, מיט אַ האַנטטוך האָט זי דעם שטויב פון אים אָפּגעווישט, און גע־שטעלט אים צופוסנס פון דעם געלעגער, אָנגעשפּאַרט אָן דעם קליי־נעם טישל, אַז ער זאָל אין זיך אָפּשפּיגלען די גאַנצע שטוב...

זי האָט אין דעם שפּיגל דערזען די ברענענדיקע ליכט און די לייכטער, און דאָס ווייסע געלעגער, וואָס גרענעצט זיך הינטערן שפּיגל מיט דעם צווייטן געלעגער אויף דער שטוב אַרויס — און אויף איר בלאַס געזיכט האָט אַ טרויעריקער שמייכל אָנגעהויבן צו רוען...

זי האָט זיך נאָכאַמאָל אין אַלע פיר ווינקעלעך פון איר סודותדיק רויט־באַלויכטענעם חדרל אומגעקוקט, און וואַרפנדיק אַ בליק צום פענצטערל איז זי אַרויס פאַרמאַכן דעם לאָדן...

דער לאָדן איז שוין צו געווען, אין שטוב איז נאָך רוי־טער, נאָך ליכטיקער געוואָרן, און אַ טיפע שטילקייט האָט זיך אין חדרל צעגאָסן, מען האָט געהערט, ווי די שטילע ליכט־פלעמ־לעך סימען איבער די אָנגעברענטע שנויצן, אַזוי שטיל איז גע־וואָרן. און באַלד האָט זיך ווייטער דערהערט דורך דער וואַנט דאָס פריערדיקע שפּילן פון דער „פּויאַרקע״, און די טענער האָבן זיך דייטלעך אין חדרל אַריינגעגאָסן...

און אַז שרהלע איז צוריקגעקומען פון דרויסן האָט זי שוין אַ בינטל בלומען אין איר פאַרטוכל געטראַגן... די אויגן

האָבן געקוקט שרעקלעך סודותדיק, און אירע טריט און אירע לייכטע בעוועגונגען האָבן זיך שוין געהאַט ווי צונויפגעגאָסן אין איין טאַקט מיט דעם שפּילן פון הינטערן וואַלד...

זי האָט זיך געזעצט אויף דעם צוקאָפּנס פון איר געלע-גער, מיט די בלומען אויף איר שויס, און שטיל פּאַנאַנדער-וואַרפנדיק די פּיסלעך, מיט איין אויסגעשפּרייטער שויס, האָט די געננומען פלעכטן זיך אַ קרענצל, און דאָס פלעכטן, און יע-דעס בלימל אין זיין ריי אַריינזעצן איז אויך געווען צום טאַקט און מיט איין איבערגעגעבנקייט נאָך דעם דרויסנדיקן שפּילן...

זי האָט זיך דאָס קרענצל אויף דעם קאָפּ אָנגעמאָסטן, איינגעקוקט זיך מיט אירע שטילע אויגן אין שפּיגל און פאַר-פעקטיקט עס צו די האָר:

„אַצונד, לעאָן, איז דיין שרהלע אַ שיינע"... — האָט זי שטיל, מיט אַ בלאַסן שמייכל אויף די קראַנקע רויזן-ליפּלעך צו יענער שרהלען פון שפּיגל צוגעשעפּטשעט...

און דאָס קלאָגן זיך פון דער „פּויארקע" האָט זיך אין דעם שטילן נאַכט, וואָס אַמאָל טיפער צעגאָסן, און שרהלע, מיט באַוועגונגען פון אַ סוד, איז נאָכאַמאָל צום שענקל צו מיט איין אויסגעשטרעקטער האַנט, אַראָפּגעקריגן פון דאָרט דאָס פלעשע-לע מיט דעם שלאָפגעטראַנק, פאַרריכט נאָכאַמאָל דאָס געלע-גער מיט די ליכט צוקאָפּנס, און זעצנדיק זיך דערויף, מיט די פּיסלעך צום שפּיגל אויסגעצויגן, האָט זי דאָס פלעשעלע צו אי-דע אָפּענע ליפּלעך צוגעטראָגן און אויף איינמאָל דאָס אויס-געטרונקען...

דאָס שפּילן אין דרויסן האָט זיך ווי איבערגעריסן, און שרהלע האָט זיך נאָך דאָס לעצטע מאָל אין שפּיגל דערזען מיט דעם קרענצל אויפן קאָפּ, און אַ זיסער מידער שמייכל האָט זיך שוין איבער אירע אויגן געוועבט... זי האָט לאַנגזאַם דעם קאָפּ

אויף דעם קישן געלייגט און איז איינגעשלאָפן אַן אייביקן שלאָף מיט אַ לייכטן שמייכל אויפן שטילן אויסגעפייניקטן געזיכט, און זי האָט די כשרע נשמה אויסגעגאָסן אין די שטילע פיר ווינקעלעך פון איר חדרל, ווי אַ כשרע צדיקת... דאָ הינטער דער צוגעמאַכטער טיר און לאָדן, אַז קיין שום זינדיק אויג אין דער וועלט זאָל נישט קאָנען באַפלעקן איר לעצטן פאַרלאַנג.

# דריי וועהגן

אַמאָל איז געשטאַנען אַ הייזל אין וואַלד; האָבן געוווינט דערין אַן אַלטע מוטערל מיט דריי טעכטערלעך. די טעכטערלעך זענען געזעסן און געשפּינען און דאָס מוטערל האָט געקליבן שפּענדלעך אין וואַלד, געקאָכט עסן, און, אַז עס איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי זיי גערופן: קינדערלעך, קומט עסן. און אַזוי האָבן זיי זיך געלעבט בשלום.

נאָר איין זאַך איז זיי נישט גוט געווען: די טעכטערלעך זענען געווען מיאוסע, ווי די נאַכט, און קיין מענטשן קומען נישט דאָרט אַהין, האָבן זיי נישט געהאַט קיין חתנים. און דאָ ווערן זיי וואָס אַמאָל עלטער; די ברוסטן אַנטוויקלטער, אַרום די ליפּן ווערט שוין דאָס מויל פאַרזאָרגטער, און ווען זיי האָבן צייט, זיצן זיי נאָר אין פענסטער און קוקן אַרויס מיט בענקשאַפט אין די אויגן. אַרום איז שטיל, ווי אויף אַ בית-עולם — און טיילמאָל הערט זיך נאָר אַ זיפץ אַרויס פון איינערס ברוסט און צוריק ווערן די ליפּן פאַרשלאָסן, און זי קוקט נאָך מיט מער אומעט. אָבער נישט מער זעט זי ווי די שפּיצן ביימער שאָקלען זיך.

אַז עס קומט אויף דער נאַכט, אַלע ליגן שוין אויף די טעלעגערס און אַ ווינט רייסט די לאָדנס מיט אַ שטאַרק פייפן, דאַכט זיך זיי, אַז עס וויינען קליינע, זויגענדיקע קינדער, וואָס

מען האָט דאָ אַנידערגעוואָרפן הינטער דער שווע פון זייער הייזל און די שוועסטערנס הערצער ווערן צוגאַנגען פון אַנגסט.

דעמאָלט קריכן זיי אַראָפּ שטילערהייט פון די געלעגערס, איינע צו דער אַנדערער, און טוליען זיך צונויף אונטער דער קאָלדערע. זיי קענען נישט קיין אויג צומאַכן, ציטערן אַ גאַנצע נאַכט. נאָר אין דערפרי, ווען דער מאָרגן שיינט אַריין אין פענסטערל, הייבן זיך די שוועסטערלעכס שטערנס אָן צו קנייטשן... ערשט דעמאָלט זען זיי, אַז זיי האָבן זיך אַ גאַנצע נאַכט גע־נאַרט און איינע די צווייטע שעמט זיך אָנצוקוקן.

איינמאָל האָט זיך יעדע באַזונדער געלאָזט גיין מיט אי־רע שווערע מחשבות, ביז אַלע דריי האָבן זיך געטראָפן ביים וואַסערל...

זיי האָבן זיך דערזען און פאַרשטאַנען, און נאָר מיט שטי־לע לויכטנדיקע טרערן אָנגעקוקט זיך...

די נאַכט איז געווען אַ צויבערדיקע. אַ זילבערנע איז די לבנה געשטאַנען איבערן טייכל, און זיי זעען דערינען פאַרביי־שווימען צוויי גאָלדענע פישלעך...

דאָ האָבן די שוועסטערלעך אַ שווערן זיפץ געטון:

— אַלץ האָט גאָט באַשאַפן צום זיין אַ פּאָר אויף דער וועלט, און צו וואָס האָט ער אונז באַשאַפן?...

ביי די ווערטער האָבן זיך אַלע דריי שטאַרק פונאַנדער־געוויינט, אָנגעקושט זיך, אָנגעהאַלדזט, און זיי זענען אַריין אין וואַסער; צו ערשטן די יונגסטע, דערנאָך די מיטלסטע און צו־לעצט — די עלטסטע...

ווי זיי קומען אויף יענער וועלט, פרעגט מען זיי:

— דריי שוועסטער האָבן זיך אַליין דערטרונקען?...

און גוטע און שלעכטע מלאכים לויפן פאַרביי; די גוטע,



839.11 אינ

קוקנדיק אויף זיי מיט אַ טרער, און די שלעכטע — מיט אַזאַ געאיילעריי, בייזע אויגן...

האָט זיך די יונגסטע אַרויסגעשטעלט:

— פאַרוואָס קומט אונז אזיף יענער וועלט צרות און דאָ אויך? ווייל מיר האָבן נישט געוווּסט דעם טעם פון אַ מאַן און פון אַ קינד?...

און ווי די גוטע האָבן דאָס דערהערט — האָבן זיי געכאַפּט אירע ווערטער, אָוועקגעטראָגן זיי צו גאָטס שטול און אַנטקייגנ-געשטעלט...

דער רבונו-של-עולם האָט דאָס געזען און אַ באַפעל געגעבן: מען זאָל זיי אַליין ברענגען פאַר אים! און באַלד זענען זיי געשטאַנען פאַר זיין שטול.

גאָט האָט געזאָגט:

— עס קומט זיי גן-עדן.

נאָר די יונגסטע האָט געפרעגט:

— צי קאָן דיין גן-עדן אַזויפיל דערפרייען, ווי אַ קינד דעם האַרץ פון אַ מוטער און ווי אַ חתן דער כלהס אין דער חופּה-נאַכט?

איז געוואָרן אין הימל אַ רעש. ווייזט-אויס, אַז דאָס איז געווען אַ גרויסע פראַגע פאַר דער גאַנצער פמליה-של-מעלה. און גאָט, וואָס מיט זיין גרויסן ערנסט קוקט ער אין האַרץ פון יעדן, האָט געענטפערט:

— אויב אַזוי... גייט-זשע, קינדערלעך, צוריק אַראָפּ אויף דער וועלט און זייט מתקן דאָס, וואָס איר האָט נאָך נישט מתקן געווען...

אַ ווײַלע איז געבליבן שטיל; דערנאָך האָט גאָט די אַנדערע געפרעגט:

— צי האָסטו נישט אויך עפּעס צו זאָגן

— אויב מיר וועלן נישט זיין קיין שיינע, — האָט די מיטלסטע געזאָגט, — וועלן מיר ווייטער נישט מער האָבן, ווי ליידן.

— ביסט גערעכט — האָט גאָט געענטפערט — און דו וואָס זאָגסט? — האָט ער די עלטסטע געפרעגט.

— איך וואָלט געגערן, אַז די וואָס וועלן קומען צו אונז, זאָלן שוין בלייבן ביי אונז...

איר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. מען האָט געזען, אַז זי פאַרשטייט אין דער מינוט דעם גאַנצן צער פון יענע כלות, וואָס די חתנים גייען פון זיי אַוועק....

— גייט, — האָט גאָט געזאָגט, — דאָס איז שוין אייער איי־גענע זאַך צווישן זיך... זאָל איינע ביי דער אַנדערער נישט צו־נעמען... נאָר פונדעסטוועגן, גיב איך אייך דעם כח...

באַלד האָבן זיך אויפגעמאַכט די טויערן פון הימל און מען האָט די דריי שוועסטער אַראָפּגעלאָזט.

———————

ווידער האָבן געלעבט אין אַ וואַלד דריי שוועסטערן, וווּנדער-שיינע, און, דערצו, האָבן זיי נאָך געהאַט אַ מוטער, וואָס האָט געקענט אַ שפּרוך צו־צוהאַלטן די חתנים פאַר זיי...

איינמאָל האָט די מוטער געמאָלדן:

— גייט, טעכטער, אויפן ברעג טייכל, דאָרט שלאָפט אַ פּרינץ, און ברענגט אים צו זיך, און וועמען פון אייך ער וועט אויסקלויבן, די זאָל מיט אים התונה האָבן.

אַלע דריי טעכטער זענען אַרויס אויפן ברעג, דערזעען אים ליגן אַ מידן און שלאָפן, ביי דער זייט איז אויך געלעגן זיין גאָלדענער פיילנבויגן, אַזוי, אַז ס'איז גאָר קיין שום ספק נישט געווען, אַז ער איז אַ פּרינץ. און זיי האָבן זיך אַנידער־

געשטעלט פינדערווייטנס, אָפּוואַרטן, ווען ער וועט די אויגן אויפמאַכן...

קיינע האָט נישט אַנדערש געטראַכט אין איר האַרץ, אַז נאָר איר האָט אים גאָט צוגעשיקט...

און, ווען דער פרינץ איז אויפגעשטאַנען, איז געוואָרן ביי זיי אַ פראַגע: ווער זאָל זיין די אויסדערוויילטע, וואָס זי זאָל אים בעטן אין שטוב אַריין? וואָרום אַלע דריי, איז קלאָר, אַז מען דאַרף נישט...

נו, פאַרשטייט זיך, אַז די עלטסטע האָט די צוויי יונגערע פאַרהאַלטן דעם וועג און זי איז צו אים צוגעגאַנגען:

— קעניגלעכער זון, — האָט זי אים געבעטן, — איך וויל האָבן דעם כבוד, אַז דו זאָלסט גיין צו אונז אין שטוב גע-ניסן פון אַלץ, וואָס דאָרט איז דאָ. אויב עס וועט דיר אויך געפעלן איינע פון אונז פאַר אַ כלה, זאָלסטו זי אויך קריגן.

דער פרינץ האָט זיך פאַרנייגט. אַ טאַרכט געגעבן און אויך אַ קוק געטוען אויף די אַנדערע צוויי, וואָס זענען גע-בליבן פונדערווייטנס, און געזאָגט:

— איך גיי.

אַז זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט אויך מיט די אַנדערע צוויי שוועסטערן, האָט ער זיך געגריסט מיט זיי און אַלע פיר זענען צו פאַר דער שטוב.

דאָ האָט ער אויפגעהאַנגען זיין גאָלדענעם בויגן אויף אַ בוים און איז נאָך זיי אַריין אַהין.

זיי האָבן אים דאָס פיינסטע געלעגער געמאַכט, אויך מכבד געווען מיט עסן מיט טרינקען, דערנאָך געהייסן אים, זיך צולייגן אויסרוען, ווייל שלאָפנדיק אויף דער הוילער ערד, אויף אַ ברעג פון אַ טייך, האָט ער דאָרט מער, ווי די ביינער אָפּ-קוועטשן, נישט געקענט.

און ווען ער איז שוין געלעגן און איינגעדרימלט, האָבן די דריי טעכטער צוזאַמען מיט דער מאַמען געזעצט זיך באַראַטן אין אַ שטילער באַראַטונג, וואָס מען זאָל ערשט מיט אים טון.

— אַ קודם — האָט די מוטער געזאָגט — מוזט איר אויף היינט ביינאַכט זיך צוגרייטן די שענסטע קליידער. איר זאָלט אָנגרייטן אויך משקה. און, ווען איר וועט מיט אים פאַרברענגען פון תחילת אָוונט אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט, וועט איר שוין וויסן, וועלכע פון אייך עס איז אים געפאָלן.

———————

געווען זענען געווען די טעכטער רייך אין קליידער, און נאָך זענען אַלע נישט חשוב געווען איצט ביי זיי אין די אויגן. און זיי האָבן זיך אַרויסגעזעצט מיט דריי שפּינרעדלעך און גאָלדענע און זילבערנע פעדעם אין דרויסן פאַר דער טיר, און, ביז נאַכט האָט זיך יעדע געהאַט אויסצושפּינען איר קלייד.

ביי דער יונגסטער האָט זיך פאַרהאַקט דאָס רעדל און — שטיי.

אין אַזאַ פאַל איז פון די עלטערע צוויי געווען אַ חוב, אַז זיי זאָלן שנעלער צואיילן מיט זייער אַרבעט, כדי וואָס פריער צו באַפרייען די רעדלעך, אַז זי זאָל קענען נאָך בײַ דער צייט אויך האָבן איר קלייד.

זיי האָבן אָבער דאָס נישט געטון. און די יונגסטע איז אַזוי נאָך געבליבן אָן דעם קלייד, וואָס זי האָט געדאַרפן.

———————

מען קען זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס האָט געקאָסט איר געבוג צער און זי איז דעם אָוונט געווען טרויעריק, באַמיענדיק זיך נאָך אירע טרערן צו באַהאַלטן. ווייל ווען זי האָט געגעבן אַ קוק, ווי די שוועסטערנס נייע קליידער בלאַנקען און זי איז

געבליבן אין איר אַלטן קלייד, האָט זיך איר ברוסט געריסן צום וויינען.

זי האָט שוין אויף קיין דערפאָלג נישט געוואָלט האָפן. אָבער כּדי נישט אַריינצוברענגען קיין פראַגן, וואָס באַשווערן די איבעריקע מענטשן אין שטוב, האָט זי אָנגעטון אַ קלייד פון פריער און מיטגעהאַלטן דעם אָוונט.

נאָר, דער פּרינץ האָט באַמערקט דעם אונטערשיד פון זיי ביז איר.

ער האָט פאַרשטאַנען דעם מיידלס באַליידיקונג און אויך אַרויס געפילט די טרערן פון אירע אויגן.

— נו, האָט ער געזאָגט, — איצטער ווילט איר אַוודאי וויסן מיין געשיכטע און ווי אַזוי איך קום דאָ אַהער?

— יאָ, — האָבן אַלע דריי טעכטער געענטפערט, — מיר זענען זייער נייגעריק צו הערן.

— וויסן זאָלט איר, — האָט דער פּרינץ דערציילט, — אַז איך בין איינער פון זיבן ברידער, און איינער, דער עלטסטער, האָט פינף שוין געהרגעט און איצט זוכט ער אויך מיך, דעם זעקסטן, אומצוברענגען, נאָר מיר איז געלונגען צו אַנטלויפן.

ווען דער קעניג, מיין פאָטער, האָט געהאַלטן נאָנט פאַרן טויט, האָט ער אים איבערגעגעבן די מלוכה, ער זאָל רעגירן מיט אונזער לאַנד און געלאָזט אים אָנטון מיט גרויס פייער־לעכקייט, אין וואָס עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע אָנגעזעענסטע בירגער, די קרוין אויפן קאָפּ.

נאָכדעם אָבער, ווי דער אַלטער קעניג, אונזער פאָטער, האָט געמתט, האָט ווער פון די מיניסטאָרן דעם נייעם קעניג, אונזער ברודער, אונטערגעזאָגט, אַז ער קען נישט זיין זיכער מיט דער שטול, ווי לאַנג מיר, די איבעריקע זעקס ברידער, וועלן נישט זיין דערהרגעט פון צווישן די לעבעדיקע.

און ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ שכל אויך:

אַזוי ווי ער קומט אַרויס פון אַ פרוי, וועלכע דאָס פאָלק האָט נישט געליבט און האָט געזעצלעך נישט געטאָרט זיין קעניגין און, דאָך איז זי געווען אונזער פאָטערס ערשטע ווייב, און מיר, די אַנדערע זעקס, שטאַמען יאָ פון קעניגן — אַפילו פון אונזער מוטער, מיט וועלכער מיין פאָטער האָט חתונה געהאַט נאָכדעם, ווי ער האָט די ערשטע געגט, וואָס אויב ער וואָלט דאָס נישט געטון, וואָלט זיך טאַקע געווען אויפגעהויבן אַ מרידה אין גאַנצן לאַנד קעגן מיין פאָטער, — איז אַ סברה, אַז דאָס פאָלק האָט נאָך נישט פאַרגעסן פון וועלכער מוטער ער שטאַמט, און אויף אַזאַ אַרט, זאָלן אַלע אונזערע איינוווינער איינזאַמלען זייער גאַנצע ליבע צו אונז זעקס ברידער און דעם עלטסטן אונזערן קרוינען פאַר קעניג, ווילנדיק אַזויערנאָך אים, דעם זון פון מיין פאָטערס ערשטער, אומגעזעצלעכער פרוי פאַרשטויסן פון דער מלוכה!

— אָט דאָס איז אין קורצן, מיין ביאָגראַפיע — האָט ער צו די דריי מיידלעך געזאָגט— אין וועלכער, ווי איר זעט, עס האָט אונזער עלטסטער ברודער, אויס קנאה, פאַרוואָס מיר קומען אַרויס פון אַן אַנדערער מאַמען, און אויס פאַרכט, אַז די קרוין זאָל נישט איבערגיין צו איינעם פון אונז, פינף ברידער שוין געהרגעט און איצט זוכט ער מיך, דעם זעקסטן.

— אָט אַזויערנאָך איז מיין פאַרוואָרפן ווערן דאָ אַהער. — האָט דער פרינץ געענדיקט זיין געשיכטע.

ווען די דריי שוועסטערן האָבן דאָס געהערט, זענען זיי אויפגעשטאַנען פון טיש, איבערגעבעטן אים און אַוועק אויף אַ לענגערע ווײַלע אין דעם צווייטן צימער, זיך אַן עצה צו האַלטן צווישן זיך.

— ווי איר זעט, מיינע שוועסטערן, — האָט די עלטסטע אָנגעהויבן, — איז מיט זיין פרינטשאַפט אויס. אויף וואָס מען קען ביי אַ פרינץ האָפן, איז דאָ שוין נישט. דאַגעגן לעבן ווי אַ מויז, צוליב זיין פאַרפאַלגט ווערן, שטייט יאָ פאַר. איז ווייטער, ווי איר ווילט. אויב איינע פון אייך וויל זיך יאָ באַשליסן מיט אים חתונה צו האָבן, זאָגט עס...

אָבער נאָכדעם, ווי די עלטערע טאָכטער האָט שוין געהאַט איר מיינונג אַרויסגעזאָגט, האָט די צווייטע אויך נישט דעצידירט זיך אַנדערש, און זיי האָבן ביידע געשוויגן.

דעמאָלט האָט זיך די דריטע, די ייִנגסטע, אָנגערופן:

— איך וויל אים נעמען ווי ער איז.

— נו... — האָבן די צוויי שוועסטערן גוטוויליק צוגעשטימט צו דידאָזיקע רייד און אַלע דריי זענען צוריק אַריין אַהין צום טיש.

ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט צוריקגעזעצט, האָט די עלטערע שוועסטער געפרעגט דעם פרינץ:

— און וואָס קלערט איר איצט צו טון? צי קענט איר נאָך האָפן, די קרוין צוריק אַרויסצורייסן פון ברודערס האַנט? דאָס הייסט: צו ווערן אַליין דער קעניג איבערן לאַנד? און אין אַלגעמיין, וועלכן אויסגאַנג האָט איר פון אייער איצטיקן גלות?

אָט מיט די פראַגן, וואָס זי האָט זיך ערשט געווענדט, האָט זי אים געוואָלט שטעלן פאַר אַ לעצטע פּרוּוו...

אָבער ער האָט נאָך אַ קורצן ישוב געענטפערט:

— איך קען מער אויף גאָרנישט האָפן. מיין איינציקער צוועק איז, אויסצומיידן דעם גורל, וואָס האָט געטראָפן מיינע פינף ברידער. דאָס הייסט: געטויט צו ווערן דורך זיין ווילן. און ווייטער: אויב איר ווילט מיך דאָ אויסבאַהאַלטן ביי זיך,

צוליב דעם, ווייל אין דעם אָרט קען מיין לעבן מער זיכער זיין, וועל איך אייך אייביק דאַנקבאַר זיין.

נאָכדעם, ווי ער האָט זיי דאָס דערקלערט, זענען שוין די צוויי עלטערע טעכטער געבליבן שטיל און נאָר די יונגסטע האָט זיך אָנגערופן:

— איך נעם מיך אונטער אייך צו האַלטן דאָ.

דער פרינץ האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און, בעטנדיק, געשטעלט נאָך איין פראַגע:

— ווילט איר, אפשר, אַזוי גענעדיק זיין און געהערן מיר אויך פאַר אַ ווייב?

זי האָט לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, געקוקט אויף אים מיט אַ גוטמוטיקן בליק און דער פרינץ האָט אויסגעטון זיין איינציק רינגל פון פינגער און האָט זיך מיט איר געביטן, ער איר — זיינס און זי אים — אירס.

דעמאָלט האָט מען אַרויפגעשטעלט די משקה אויפן טיש, בשעת די מוטער פון די טעכטער איז אויך אַריינגעקומען אַהער, און מען האָט אָנגעהויבן ערשט רעכט צו פאַרברענגען.

— נו, געלויבט צו גאָט, — האָט ער געזאָגט, — אַז איך האָב געקריגן אַזאַ ווייב, ווי מיין האַרץ האָט געגלוסט: וואָס זאָל נישט שטיין נאָך מיין קרוין. וואָרן, ווייסן זאָלט איר, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דאָ דערציילט איז נישט אינגאַנצן אמת. אָבער, איך האָב דאָס דערציילט אַזוי, צוליב דעם, וואָס איך האָב באַשלאָסן, אַז די זאָל זיין מיין ווייב, וואָס וועט נישט פאַרלאַנגען פון מיר קיין קרוין. אָבער איצטער קען איך שוין זאָגן דעם אמת: איך בין אַליין שוין דער מלך אין מיין לאַנד...

אַ דייטלעכע צעמישונג און צערודערונג איז אַנטשטאַנען

אויף אַלעמענס פּנימער, און די עלטערע צוויי שוועסטערן האָבן זיך איבערגעקוקט איינע צו דער אנדערער, אָבער, ס'איז געווען פאַרפאַלן.

אינמיטן עסן און טרינקען, מען האָט שוין געהאַט פאַר־בּרענגט ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט זיך די עלטערע שוועסטער אָנגערופן:

—סודות האָבן זיך פאַר אונז די נאַכט אַנטפּלעקט. קענסטו אונז, אפשר, אויך זאָגן: צו וואָס האָסטו אויפגעהאָנגען דעם בויגן אויפן בוים, איידער מיר זענען אַריין אין שטוב?

— איך פיר מיך — האָט דער פּרינץ געזאָגט — אַז אין מיין שטוב, ווי אויך — ציווילן לעבן, קומט נישט אַריין די בּיקס. און אַט, צוליב דעם מנהג מיינעם, האָב איך זי דאָ אויך נישט אַריינגעבּרענגט.

אָבער אויך אין דעם האָט ער זיי נישט געזאָגט דעם גאַנצן אמת. ריכטיק איז נאָר, אַז ווען ער האָט געזען, אַז עס זענען דאָ דריי שוועסטערן, טאָמער צינדט זיך אָן אַ קנאה צווישן זיי, זאָל קודם די בּיקס הענגען אויפן בוים, וווהין ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף זיין סאַמע שפּיץ און דאָרט זי געלאָזט.

פון דעם אַלעם קען מען זען, ווי ווייט פאָרזיכטיק דער יינגער מלך איז געווען.

פונדעסטוועגן האָט אים דאָס אַלץ נישט געהאָלפן. אויף אַ מערקווירדיקן אופן איז ער געבּליבן אָפּגעשיידט פון דער יינגסטער שוועסטער און נאָך פאַרשלאָסן אַליין אין דער קאַמער, וואָס איז געווען אונטער נאָך איין טיר, וואָס האָט זיך געפינען אין דער וואַנט פון צווייטן צימער.

— נו, איצטער,— האָבן זיי דער יינגסטער שוועסטער גע־

פּרעגט, — ווילסטו שוין גאָרנישט אַנדערש, נאָר אַ פּרינץ פאַר אַ מאַן, און, נאָך אַ מלך דערצו ?..

נו, וואָס האָט זי זיי געקענט ענטפערן ? — אויך די מוטער איז געווען מיט די צוויי עלטערע שוועסטערן.

ניט היימלעך איז איר געוואָרן. און אַלע דריי, די שוועסטערן זיכער, האָבן איר געוואָלט פאַרפייניקן.

מען האָט זיך אָנגעהויבן מיט איר צו שאַפן, ווי מיט אַ דינסט, און פאַרביטערט איר דאָס לעבן.

איינמאָל, ווען זי איז צווישן די ביימער געשטאַנען, ברענגט אַ פויגל צו אַ גראָז אין פּיסקל, לייגט אים פאַר אירע פיס אַנידער:

— נאַ, מיט דעם גראָז וועסטו דיר קענען העלפן אין דיינע נויטן. ווייס אים נאָר ווי אַזוי צו באַנוצן...

און דער פויגל איז באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן.

---

די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע, די יינגסטע שוועסטער איז צוגעקומען אונטערן פענצטערל פון געפאַנגענעם ווי ער האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף איר, אַרויסקוקנדיק דורך די קראַטן.

— אָט, דאָס האָט מיר היינט אַ פויגל געגעבן, זאָגנדיק, אַז דאָס קען מיר העלפן אין מיינע נויטן, איך זאָל עס נאָר וויסן ווי צו באַנוצן.

— אויב העלפן דיינע נויטן, — האָט דער פּרינץ געזאָגט, — האָט ער נאָר געקענט מיינען מיין באַפרייונג, וואָס איז פאַר דיר צום וויכטיקסטן. און ס׳איז ווערט צו פּרוּוון מיט דעם גרעזל די קראַטן פון דאַנען.

און וואונדערלעך: ווי זי האָט עס דעם בן-מלך אַריינדער-

לאַנגט און ער האָט עס צוגעלייגט צו די קראַטן, זענען זיי צע־גאַנגען געוואָרן פונקט ווי וואַקס.

דער אַרויסגאַנג איז געוואָרן אַ פרייער און אין דער ערשטער ווײַלע האָבן זיי נישט געדענקט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר שוין צו פאַרלאָזן דאָס אָרט. ער האָט נאָר געהאַט בלויז אָפּצוטרעטן נאָך דעם בויגן זײַנעם, וואָס ער האָט אים אויפגע־האָנגען אויפן בוים.

און, אָט, דאָס האָט זיי אויסגעגעבן פאַר דער שטוב.

ווען די מוטער איז אַרויס אינדרויסן און געטראָפן זיי, שוין אַנטלויפנדיק, האָט זי באַנוצט איר שפּרוך:

— שטייט, אַ שטיין זאָל פון אייך ווערן!

און שוין איז פון זיי צוויי שטיינער געוואָרן, צוויי סטאַ־טועס פאַרגליווערטע אין וואַלד.

אויפלעזן לעזט זיי שוין קיינער נישט אויף, די צוויי שוועסטערן האַלטן זיי געפאַנגען אין פאַרגליווערונג, און יעדע נאַכט קומען זיי זיך פרייליך מאַכן איבערביידע.

דער יינגערער שוועסטער אין די אויגן קריכן זיי דעם פרינץ אויף די אַקסלען אַרויף, און דעמאָלט שפּאַלט זיך די ברעם פון דער שוועסטערס סטאַטוע און דער וואַלד גיט אַ קרעכץ.

---

גאָט פירט צו די מלאכים און ווייזט זיי אַראָפּ:

— טו איך דעם מענטש לייד, בין איך זינדיק. טו איך אים גוטס, איז ער זינדיק.

ס'איז געוואָרן שטיל אין הימל און מלאכים האָבן געזען, אַז פון די דריי וועגן דורך וועלכע נשמות קומען אַרויף, זענען נאָר בלויז צוויי אויסגעטרעטן: דער וואָס פירט דורך טרערן און דער, וואָס דורך בליט ...ט אים גייען אויף די ליידנדיקע, און דער, וואָס דורך בליט

און אויף אים גייען אויף די זינדיקע. דאַקעגן, דער מיטלסטער איז אינגאַנצן פאַרוואַקסן...

—לאָזט איבער איין וועג פאַר אַלע — האָט גאָט געזאָגט— דעם פון טרערן...

———————

ווען די זון האָט נאָכאַמאָל אויפגעשיינט, זענען די דריי שוועסטערן שוין צוריק געזעסן און באַקלאָגט זייער גורל: אָרעם, מיאוס און אָפגעריסן פון לעבן.

# דער לוין פין ליעבע

(דראַמע אין 3 אַקטן)

# ערשטער אַקט

ס'שטעלט פֿאָר אַ לאַנגע גאַס, אָפּגעלעגן אָן דער זייט פֿון שטאָט. רעכטס אַ הויז מיט אַ גאַניק פֿאַרן אַרײַנגאַנג און צווײַ פֿאַרנדיקע, קײַלעכדיקע זײַלן מיט ברעטל־בענק צווישן די זײַלן און דער וואַנט. לינקס אַ פּלויט פֿון אַ סאָד און גלייך מיטן פּלויט שטייט אַ בלינדע וואַנט פֿון אַ הויז. דער דאַך דער־פֿון דערהייבט זיך צווישן די ביימער, וואָס דעקן טיילווייז אים צו מיט צווייגן. ווען ס'איז אַ שווערער, טריבער טאָג מיט רעגן, ליגן די צווייגן מיט בלעטער פֿון דאַך, אַראָפּלייגנדיק זיך פֿון דער שווערער נאַסקייט. ווען ס'איז אַ ווינט קלאַפּן די בלעטער אָן די שינדלען מיט אַ טרוקענעם רעש.

פּערזאָנען:

**ר' אַלטער** — אַ טלית־מאַכער — אַ ייד אין די פֿערציקער יאָרן.
**חיה שרהלע** — זיין ווייב — אויך איבער פֿערציק יאָר.
**גיטעלע** — אַ טאָכטער — אַ כלה־מיידל.
**פּרצל** — אַ זון — 18 יאָר אַלט.
**נחמה** — אַ יינגערע טאָכטער נאָך פּרצלען.
**פֿריידל** — נאָך אַ טאָכטער — יינגער פֿון נחמהלען.

ס'איז דאָנערשטיק, אַ שטיק נאָכמיטאָג. דורך די אָפֿענע פֿענצטער פֿון הויז רעכטס זעט מען דאָס אַרבעטן פֿון צוויי האַנט־וועבשטולן און מען הערט די שוסן־קלעפּ. אונטער דעם גאַניק פֿאַרן הויז זיצט פֿריידל ביי אַ שפּול־רעדל און שפּולט ציפּקעס.

### ר׳ אַלטער

(וואָס ווערט געזעען דורכן פענצטער פון שטוב זיצנדיק אונטערן וואַרשטאַט)

אַז ס׳איז אַ ייִנגל מיט פאַנטאַזיע.

### חיה שרהלע

(וואָס ווערט אויך געזעען דאָרט)

אַז כ׳האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז פון דעם קינד וויל קיין לייט נישט ווערן.

### ר׳ אַלטער

אַ נביאהטע ביסטו געוועזן...

### חיה שרהלע

ביסטו געוועזן אַ נביא...

### ר׳ אַלטער

אַז ס׳איז אַ ייִנגל מיט פאַנטאַזיע.

### חיה שרהלע

פאַר צוועלף גילדן לעקעך נעמט אַ ייִנגל און עסט אויף.

### ר׳ אַלטער

אַז ס׳איז אַ ייִנגל מיט פאַנטאַזיע.

### חיה שרהלע

אַז ס׳איז גוט צו דער מאַמען, וויל צום טאַטען, פריי דיך אַז ס׳איז אַ ייִנגל מיט פאַנטאַזיע.

### ר׳ אַלטער

וואַרט, וועסטו זען, דער תכשיט וועט דיר שוין אויף שבת אויך נישט אַהיימקומען.

### חיה שרהלע

אַ שיינעם שאָדן וואָלט איך עס געהאַט.

### ר׳ אַלטער

אַז ס׳איז אַ ייִנגל מיט פֿאַנטאַזיע. געב אים קיין מאָדזשיק אויף הוצאות וועט ער פֿאָרן באַקומען אַ כּלה.

### חיה שרהלע

יאָ, אַ כּלה...

### ר׳ אַלטער

אַז ס׳איז אַ ייִנגל מיט פֿאַנטאַזיע... איז דאָס אויך פֿאַר אים אַ זאַך... עלעהיי ער גיט זיך כאַטש אַ ציר אויס אין אַ פֿעכל־דיק קעלנערל — — און טאַקע מיט אַ זיידן שלייפֿעלע, מיט די־ניטשקע פֿאַרשוירצנע פֿאַהלעך און גאָלט זיך אָפּ דאָס מאָרדעלע, כאָטש עס וואַקסט שוין דערויף פּונקט ווי בײַ מיר אויף דער דלאָניע... אַבי געוועזן מיט לייטן גלייך, אַבי שוין אויך אַ מענטש. אַז איך זאָג דיר, אַז ס׳איז אַ ייִנגל מיט פֿאַנטאַזיע.

### חיה שרהלע

אוי, ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן. אויך אַ מענטש שוין.

### ר׳ אַלטער

זאַר צוועלף גילדן לעקען אויף איינמאָל.

### חיה שרהלע

מ׳זע שונאים זאָלן אַזוי לעבען, ווי ער האָט דאָס אויפֿגע־געס

### ר׳ אַלטער

האָט ים די מויד געגומען „אויפֿן שטריקל״... האָט אים „נאַ־באָריט״ נו, איז בעסער, קאָסט עס נישט אַלצאיינס?

### חיה שרהלע

אַז די או׳רן טוען ווײ. די זאָגסט — אַ מויד, אַנדערע זאָגן, אַז חברים.. אַז מען האָט שוין נישט געוווּסט וואָס צו טוען,

האָט מען געטונקען לעקעך אין וואַסער, אַז עס זאָל נישט שטאָפּן...

## ר׳ אַלטער

אַז ס׳איז אַ יינגל מיט פאַנטאַזיע — — זאָל זיין מיט וואַסער... (שטעלט זיך אויף, קריכט אַפּער פון דער וועבשטול-געזעס, בלייבט שטיין פאַרן תּאַרשטאַט מיטן פּנים אויף דער שטוב אַרויס) כ׳על מיך מיט דיר געוועטן אַז דער תכשיט וועט דיר שוין נישט קומען אַהיים אויף שבת אויך...

## חיה שרהלע

האָט די מאַמע אַ גרויסן שאָדן...

## ר׳ אַלטער

כ׳פאַרשטיי, אַז דו וועסט אים געבן אַזוי אויך צו עסן.

## חיה שרהלע

איך ?

## ר׳ אַלטער

וועט ער זיך אַליין נעמען. אַז ס׳איז אַ יינגל מיט פאַנטאַזיע — וועט ער זיך אַריינאַרן אין שטוב, מכלומפערשט, ער איז שוין צוריק געט... וועט ער וואַרפן אַן אויג נאָר אויף דער מילטער און אַרויסנעמען זיך אַ פּאָר חלות אין דרויסן...

## חיה שרהלע

בין איך אויך שולדיק ?...

## ר׳ אַלטער

וואָרן אַלעמאָל דאָנערשטיק קומט ער זיך דאָך שוין איבערבעטן. העלפט צו אונטערן וואַרשטאַט דאָנערשטיק ביינאַכט או בלייבט שוין איבער שבת, און שבת-צו-נאַכטס איז ער שוין ווידער ברוגז.

### חיה שרהלע

איי, גאָלדענע הענט...

### ר׳ אַלטער

זאָל זיין דימענטענע — אַז ער וויל נישט, וויל ער נישט...

### חיה שרהלע

אָט איז שוין דאָנערשטיק נאָך האַלבן טאָג, נו ווו איז ער, ווו זעט מען זיין געביין!

### ר׳ אַלטער

אַז ער וויל נישט, וויל ער נישט. (גייט אָפּ, מען זעט אים באַלד אַרויס־קומען אויפן גאַניק, ווו פרידל שפּולט. צונעמענדיק די אָנגעשפּולטע צ׳פּקעס, וואָס פרידל לייגט אים אויף די הענט אַרויף) נעם, פריידעלע, צוריק די צוויי, זיי זענען צו דיק, שפּולע צוריק, זיי וועלן נישט אַריין אין דער סיטש... (קוקט איבערן דאַך פון קעגנאיבערדיקן הויז, וואָס שטייט גלייך מיטן פּאַרקן) נו, וואָס־זשע, עס וועט נאָך היינט רעגענען? זע נאָר דער הימל איז פאַרכמאַרעט און דיביימער שטייען מיר עפּעס שטיל... (צו פרידלען, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט) הער, טאָמער קומט דאָ אָן פרצל, זאָג איך דיר, למען־השם, אַזוי ווי דו וועסט אים נאָר דערזעען אין עק גאַס, זאָלסטו שוין אַריינקומען אין שטוב זאָגן מיר. גלייך צו מיר, דו הערסט, נישט צו דער מאַמען; וואָרן מיט דער מאַמען איז גאָרנישט וואָס צו מאַכן. וועל איך מיר, פאַרשטייסטו מיך, פאַרמאַכן די פענצטער, דו זאָלסט אויך אַריינכאַפּן דאָס רעדל אין שטוב, אַז ער זאָל נישט האָבן מיט וועמען אַפילו קיין וואָרט צו טענהן, און זאָל ער קלאַפּן מיט דער נאָז, פאַרשטייסטו מיך, אָן דער וואַנט —— נאָר דער מאַמען זאָלסטו גאָרנישט זאָגן, דו הערסט! וואָרן מיט איר איז גאָרנישט צו מאַכן. זי וועט נאָך דאָס פאַר־

טוּך איך פאַרזעצן פאַר דעם גאָלדענעם תכשיטל, אַבי צוּפרידן
אים צושטעלן...

### פריידל

גוּט טאַטעשי. איך וועל אַכטוּנג געבן.

### ר׳ אַלטער

מען מוּז אים אָנלערנען. פאַרשטייסטוּ, אַז ס׳איז אַ יינגל מיט
פאַנטאַזיע. (אָפּ אין שטוּב.)

### חיה שרהלע

(קוּמט אַרויס מיט אַ שטיקל ברויט מיט הערינג און אַ באַרנע אויף אַ טעצעלע)

נאַ, פריידעלע, נעם דערווייל עפּעס, ביז צוּ דער וועטשערע.
וואָס האָט דיר דאָ דער טאַטע געזאָגט? (שטעלט דאָס טעצל אויף
דער באַנק, ווי דאָס מיידל זיצט)

### פריידל

איך ווייס... ער האָט מיר געזאָגט עפּעס...

### חיה שרהלע

גוּ, וועגן פּרצלען.

### פריידל

(שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ)

### חיה שרהלע

אַז איך געב אים נאָן׳ אַלצדינג?

### פריידל

(שאָקלט מיטן קאָפּ)

### חיה שרהלע

מילא, וואָס דען? אַ טאַטע האָט נישט פאַרגאָסן קיין בלוּט, איי-
דער ער האָט אים געבוירן, אַ מאַמע אָבער!... אָט דרייט עס
זיך אַרוּם, צוּ אַלדע גוּטע יאָר דאָרט ערגעץ, אוּמגעגעסן, אוּמ-

געטרונקען... (בלייבט שטיין, פאַרזאָרגט קוקנדיק אין דער לופט אין דרויסן) איינאיינציקס, איידער מען האָט שוין דאָס דערלעבט אויפצו־ציען... (פאַרחלומט) אַ יינג, אַזאַ שיינער יינג... ווי אַלט איז ער דען אינגאַנצן, אַ סמאַרק נאָך... דער טאַטע וויל שוין אים האָבן אַ געזעצטן מענטש, אַ בעל־תכלית.

פרצל

(באַווייזט זיך אין עק גאַס. פריידל כאַפּט דערשראָקן דאָס שפּול־רעדל, די פּוּ־טער זעט גאָרנישט, ווי יענע פאַרשווונד אַרײַן אין שטוב)

חיה שרהלע

(אַלץ נאָך פאַרחלומט)

כ׳זאָל עס האָבן אַ זאָרג מיט מיין פרנסה, אַזוי ווי כ׳האָב אַ זאָרג מיט דעם יינגלטשינע, מיט דעם איינאיינציקן אויג אין קאָפּ... (פון שטוב פאַרמאַכן זיך די פענצטער. פרצל בלייבט שטיין אומ־באַמערקט פון דער מוטער)

פרצל

(רופט)

מאַמע!...

חיה שרהלע

לייד איז צו מיר! (קוקט זיך אום צעטומלט, זי האָט געהערט זיין קול, נאָר זי ווייסט נישט פון וועלכער זייט. זי דערזעט אים) וואָס איז וואָס שטייסטו דאָרט?

פרצל

כ׳וויל נישט צוגיין.

חיה שרהלע

פאַרוואָס ווילסטו נישט צוגיין, ס׳האָט דיר ווער שלעכטס גע־טוען?

פרצל

האָסט נישט געזעען, דער טאַטע האָט באַרמאַכט די פענצטער, ער האָט מיך דערזעען...

חיה שרהלע

לייד איז מיר. פאַרוואָס האָט ער פאַרמאַכט די פענצטער! טאָ וואָס-זשע ווילסטו פון מיר? וואָס דען מיינסטו אַז ער איז נישט בייז אויף דיין אויפפירונג?

פרצל

זאָל ער זיין בייז.

חיה שרהלע

אַרט דיך גאָרנישט?

פרצל

ניין. (גייט צו נענטער צו דער מוטער)

חיה שרהלע

(שאָקלענדיק מיטן קאָפּ)

מיר האָבן דיך נישט געהאַט, האָבן מיר דיך אַליין אויפגעצויגן, אַז מיר זאָלן האָבן מיט וועמען צו טוען... „ניע מיאַלאַ באַבאַ קלאָפּאָטו"...

ר' אַלטער

(עפענענדיק א ליפטשיק און ארויסווייזנדיק דאָס פנים)

הער, שרהלע, זאָלסט אַריינגיין אין שטוב, אַז נישט וועל איך דיך אויך נישט אַריינלאָזן. די טיר איז שוין פאַרקייטלט. (פאַרשווינדט פון לופטשיק)

חיה שרהלע

אָ, חאָ, אַז ער רופט מיך שוין ביים איינציקן נאָמען „שרהלע", איז אים שוין די גוטע שעה אָנגעקומען... (נאָכקלערנדיק) פאַרקייטל דיך—בלייב, חלילה, אַליין... טוסט מיר נישט שלעכט אָפּ!...

פרצל

הער, מאַמע, איך דאַרף האָבן זעקס גילדן. —

ר׳ אַלטער

(זײַן קול פֿון שטוב אַרויס)

אויף אַ האַלבן לעקער!.

חיה שרהלע

ווי זאָל איך דיר נעמען, נאַרעלע, אַט האָט שוין דער טאַטע פֿאַרשלאָסן די טיר, ר׳וועט שוין מיך אויך נישט אַרײַנלאָזן איבער דיר

פּרצל

ע, ער וועט נישט זײַן אַזאַ שלעכטער. — — איך דאַרף צו האָבן, מאַמע.

חיה שרהלע

כ׳זאָל אַזוי קײן שלעכטס נישט האָבן. (דרייט איבער די קעשענע פֿון קלייד ארויס), ווי כ׳האָב נישט.

פּרצל

אָבער איך דאַרף דאָך צו האָבן.

חיה שרהלע

נו, גיי-זשע זאָג נ׳טאַטן, וואָס ווילסטו פֿון מיר?

פּרצל

נו, גיי-זשע דו, זאָג אים.

חיה שרהלע

איך? דו ווילסט כ׳זאָל שוין די שטוב נישט אָנקוקן?

פּרצל

טאָ גיי-זשע, זאָג אים, אַז איך וועל מיך שמדן...

## חיה שרהלע

(שפרינגט אויף)

האָ, מיך גייסטו מאַכן פאַר אַ שליח צו אַזאַ בשורה?... ווייי צו מיינע יאָרן! (באַרוייקט זיך) אפשר, זונדעלע, וועסטו אַליין גיין מיט דעם גוטן אָנזאָג צו אים?...

## ר׳ אַלטער

(אַרויסשטעקנדיק אַ האַנט מיט אַ שטיקל פנים פון לופּטשיק)

מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט... כ׳האָב שוין געהערט... זאָג אים, חיה שרהלע, אַז ער קאָן...

## פּרצל

(זיך נישט מאַכנדיק זען דעם טאַטן)

טאָ גיי-זשע אים זאָגן, אַז איך גיי שוין צום גלח.

## ר׳ אַלטער

טאָ זאָג-זשע אים דו, חיה שרהלע, אַפילו — צום בישאָף.

## פּרצל

(אין דערזעלבער פּאָזע)

טאָ גיי-זשע אים זאָגן, אַז איך גיי היינט אויף אַ גויאישער חתונה און איך וועל עסן טריפות.

## ר׳ אַלטער

זאָל ער...

## פּרצל

און כ׳וועל טאַנצן מיט אַ שיקסע.

## ר׳ אַלטער

זאָל ער... אויך...

## פּרצל

און צומאָרגנס וועט די גאַנצע שטאָט קלונגען. —

ר׳ אַלטער

זאָל זי... גוט...

פרצל

(דרייט זיך לאַנגזאַם אויס, קוקט זיך איבערגעבן נישט אום. לאַנגזאַם אָפּ)

חיה שרהלע

עפּעס ווייס איך דאָך גאָרנישט ווי איך בין. געוואַלט, אַלטער, וואָס האָסטו געוואָלט פון מיין לעבן האָבן, עפּעס בין איך דאָך אינגאַנצן צעמישט.

(אַלע קומען אַרויס פאַר דער טיר)

ר׳ אַלטער

וואָס ביזטו אַזוי צעמישט?

גיטעלע

נו, אַוודאי, דער טאַטעשי דאַרף דאָך נישט מאָרגן גיין אונטער דער חופּה... און וואָס אַרט עס אים, אַז זיין טאָכטער וועט האָבן אַ ברודער אַ משומד...

ר׳ אַלטער

שוין, האָסט שוין מורא פאַרן שידוך דיינעם?

חיה שרהלע

וויי איז מיר.

גיטעלע

איך האָב גאָר קיין מורא נישט סיי-ווי-סיי רעדט מען שוין אויף דער שטאָט, אַז ער קומט דאָרט אַריין צו דער מויד און עסט דאָרטן לעקעך מיט טשאַסטקעס.

נחמהלע

זע נאָר, ווי דער טאַטעשי פאַרשטייט נישט...

ר׳ אַלטער

וואָס האָב איך דאָ צו פאַרשטיין?

## נחמהלע

פאַרוואָס האָט דער טאַטעשי פאַרמאַכט די פענצטער? וואָס הייסט. ער איז נישט אונזער ברודער?

## ר׳ אַלטער

(לויפט צו צום פענצטער, פראַלט עס אויף פון דרויסן שטייענדיק)

שוין אָפן די פענצטער. איך וועל מיך נישט מער מישן פון היינט אָן...

(אַלע גייען צוריק אין שטוב)

## נחמהלע

(נאָכגייענדיק פון הינטן)

חלואי עס זאָל גוט אויסגיין.

(אויפן גאַניק בלייבט אַ לענגערע צייט לידיק, עס טראָגט זיך צוריק אַרויס פריידעלע מיטן שפולרעדל, נאָך איר גייט נאָך נחמה).

## פריידל

(אָנטועגדיק די ציפּקע אויפן ראָד־שפיזל און פאַרלייגנדיק דאָס שנירל איבערן ראָד)

איך ווייס נישט פאַרוואָס, איך האָב רחמנות אויף גיטעלען. זי ירבעט דאָך, זי זיצט אַליין אויף הינטערן וואַרשטאַט...

## נחמהלע

חער, פריידלשי, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן. כ׳האָב דאָך אים אויך ליב. פאַרוואָס: אַ שיינער יינג און אַ גוטער. וויפיל ברענגט ער מיר ביינאַכט צוקערלעך, אָדער קאַרמעלקעס און דערלאַנגט מיר אויפן גאַלעגער.

## פריידל

טאַקע? און מיר אויך.

## נחמהלע

יאָ. נאָר פונדעסטוועגן האָב איך אויף איר רחמנות. און אונזער

שוועסטער וואָלט געקאָנט קריגן דעם בעסטן שידוך, ווייל מיר האָבן דאָך עפּעס אַ רבין פאַר אַ פעטער...

פריידל

אַוודאַי, אָבער כ'האָב אים, דעם ברודער, אויך ליב.

נחמהלע

אָבער חסידים אַזעלכע, ווי עס פאָרן צו אונזער פעטער, האָבן אַזעלכן נישט ליב.

פריידל

און פאַרוואָס? ער איז דען נישט אַ גוטער?

נחמהלע

מעג ער זיין. ער גייט קיינמאָל נישט אריין צום רבין און גיט אים קיינמאָל נישט קיין שלום, כאָטש ער איז דאָך אונזער פע-טער. (פאַרחלומט) פריידעלע.

פריידל

וואָס?

נחמהלע

עס זענען געווען אויף שבועות חסידים, אפשר צוויי הונדערט יידן, ביים פעטער (חייזט אויפן קייגנאיבערדיקן פאַרקן) אַפּולער הויף איז געווען, און מילקעלע האָט אונז געבּרענגט ניס. נאָר איבער אים וועט אַפּילו מילקעלע אויך נישט... זיין שיין צו אַ שידוך.

פריידל

אָבער פאַרוואָס האָט אים דער טאַטע אַזוי דערצערנט?

נחמהלע

ער קאָן נישט אַמאָל עפּעס אָפּטוען דער שטוב?

פריידל

יאָ.

### נחמהלע

האָמט אויך געזעצן, ווי אַזוי ער איז אַוועקגעגאַנגען!... ווי ער האָט זיך גאָרנישט אומגעקוקט...

### פריידל

יאָ.

### נחמהלע

ווייסטו וואָס, לאָמיר זיך ביידע שווערן, אַז אויך ליב צו האָבן ס׳גאַנצע לעבן.

(ביידע שטעלן זיך פּיערלעך אויף)

### נחמהלע און פריידל

מיר שווערן זיך, אַז אויך ליב צו האָבן ס׳גאַנצע לעבן. איך וועל אים אַרויסטראָגן חלה. איך וועל אים אַרויסטראָגן פיש, אפילו, אַז ער וועט שבת אויך ברוגז זיין און וועט נישט וועלן אַריינגיין אין שטוב!

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

# צווייטער אַקט

(שטעלט פאָר הייזער אַרום א פלאַץ)

### פערזאָנען:

ביילעלע — א מיידל פון א יאָר 18, א בראָנעטקע, א שלאַנקע, רעדט אַביסל צעצויגן.

ישראלעכל — א וויעכסטער, 27 יאָר אלט.

יהושעלע — ביילעלעס ברודער, א ... ל, שיטער בערדל, 26 יאָר אלט.

פסחל — א פעטער, 36 יאָר אלט.

אליעזר — אויך א פעטער, 32 יאָר אלט.

צביה — א דינסטמיידל, 15 יאָר אלט.

פרצל

זלמן — א קצב, 40 יאָר אלט.

ס'איז צוועלף ביינאַכט די הייזער שלאָפן. נאָר איינס אין דער מיט, מיט א צוויי פענצטערדיק בוידעם־שטיבעל לייכט נאָך אין פאַרטער מיט איין פענצטער דאָס פענצטער שטייט אָפן, ביילעלע קומט אַלעמאָל צו, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום און נעמט איר צוריק אַריין.

### יהושעלע

(ברויסרוקנדיק זיך מיט צביהלען פון א זייטיק געסל.)

ווי רופט מען דיך?

### צביה

צביה.

### יהושעלע

צביה. גיי צו אָט ערשט, אָט ערשט, ווען זי וועט צוקומען צום פענצטער, דו ווייסט שוין וואָס צו זאָגן?

### צביה

יאָ. אַז די מומע דאַרף דעם בעקן אויף אַ פלאָדן.

### יהושעלע

יאָ. ס'איז היינט דאָנערשטיק ביינאַכט... ס'גוט... דו וועסט איר זאָגן, אַז די מומע דאַרף עפּעס אָפּבאַקן אויף שבת, מען גרייט זיך צום פאַרהערן איר בחור. אַ מחותן קומט...

### צביה

גוט (וויל לויפן)

### יהושעלע

(רופט נאָך)

לויף נישט... גיי געלאַסן. (רוקט זיך צוריק צו דער וואַנט)

### ישראלעכל

(קומט אַן פון אַ ווייט געסל, שפּאַצירט מיט אַן אָנשלעפנדיקן ווייסן שטעקן אין דער האַנט, אַ פּראָסטן, אַ סענקאַטן, אָנגעטון אין אַ בורקע)

אַ-אַ-אַ... (געגעצט טיף אָפּ מיט אַן אויסגעשריי.) אוי, ס'איז שוין קאַלט!

### יהושעלע

(פאַר זיך, גיט זיך אַ דריי)

אָט האָסטו ווידער אַ ניי באַגעגעניש. אַזויאַנאָך וועט די נאַכט אַוועקגיין מיט גאָרנישט

ישראלעכל

„קטאָ טאָם!״

יהושעלע

איך, איך.

ישראלעכל

(גייט צו נענטער)

ווער איז דאָס, ר׳ יהושעלע?

יהושעלע

יאָ, יאָ.

ישראלעכל

ס׳איז שוין היינט אַ קאַלטע נאַכט. (גיט אַ קוק אין הימל אַריין)

יהושעלע

יאָ, איך בין מיך פאַרזעסן אַזוי לאַנג אין שטיבל. ס׳איז שוין צייט צו שלאָפן (דרייט זיך אויס מיטן פנים צו דער וואַנט) דו האָסט אַליין די גאַנצע שטאָט?

ישראלעכל

נו, וואָס, ס׳איז ווייניק?

יהושעלע

ניין, ווער זאָגט עס!

ישראלעכל

נו, ס׳איז נאָך דערווייל קיין גניבה נישט געשען.

יהושעלע

ניין, ניין, ניין, גיי־זשע, גיב אַכטונג (ישראלעכל דערוויטערט זיך) אַ מערכה דער סטראַזשניק היט אים, אַז נישט — ער וואָלט איבערגעשלאָפן אין וועלכן ווינקל, אויף די שטיגלעך פון אַ הויז, די גאַנצע נאַכט, ביז די הענער וואָלטן געקרייעט. זאָל ער שוין גיין אַמאָל, אַ ניי אָנשיקעניש. (קוקט זיך אום) מען זעט נישט דאָס מיידל...

## צביה

(קומט אַרויסצולויפֿן מיט אַ בעקן אין דער האַנט, קומט צו צו דעם ווינקל ווי יהושעלע וואַרט זי אָפּ)

## יהושעלע

וואָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט? האָסט דאָך איר געקאַנט זאָגן דורכן פֿענצטער, אַז זי זאָל דיר אים אַרויסגעבן, און אין איינוועגס ברענגען זי, פֿאַרוואָס זי גייט נאָכנישט שלאָפֿן אַזוי שפּעט ביינאַכט.

## צביה

זי האָט מיך אַריינגערופֿן, איך זאָל מיר אַליין נעמען דעם בעקן דער קאָפּ איז איר נישט דערצו — האָט זי געזאָגט.

## יהושעלע

דער קאָפּ איז איר נישט דערצו — דאָס איז דער בעסטער סימן. פֿאַרוואָס שלאָפֿט זי נאָך נישט?

## צביה

זי האָט מיר נישט געוואָלט זאָגן. פּס שלעפֿערט זי נאָך נישט, מוז זיין...

## יהושעלע

ווי זעט זי אויס, רויק, אָדער די אויגן גלאַנצן ביי איר!...

## צביה

נישט... כ׳ווייס נישט אַליין, עפּעס מאָדנע, זי ציטערט.

## יהושעלע

וואָס הייסט—זי שרעקט זיך?...

## צביה

ניין, ס׳איז איר קאַלט. זי האַלט פֿאַרקלעמט די ציין און דאָס פּנים איז איר בלאַס.

יהושעלע

און דאָך, שלאָפן גייט זי נישט און קוקן קוקט זי דורכן פענ־צטער יעדע ווײַלע, איז עס דאָך דער רעכטער סימן... גיי־זשע אהיים, שטעל אַוועק דעם בעקן און זאָג פסחן, אַז ער זאָל שוין קומען. איך וואַרט דאָ אויפן פּלאַק, וואָרן דער קעלבאַס וועט היינט זײַן...

צביה

(וויל שוין גיין).

יהושעלע

שטיי נאָר. און זי האָט דיך גאָרנישט געפרעגט, וואָס דו ווילסט עפּעס אַזוי שפּעט בײַנאַכט אַ בעקן. דו האָסט איר געזאָגט דעם תירוץ. צו וואָס מען דאַרף אים?

צביה

יאָ. כ׳האָב איר געזאָגט, אָבער זי האָט מיך געפרעגט עפּעס אַנדערש: צי איז מאָרגן דער קורצער פרײַטיק! צי אינדערפרי וואָלט מען נישט געדוינזשעט צו שיקן נאָכן בעקן, אַז באַקן וועט מען ערשט מאָרגן?

יהושעלע

אַזוי?... אַ קעלבאַס פון אַ קאָפּ! אַזוי האָט זי געפרעגט. דו האָסט איר מוז זײַן, אַליין געזאָגט, אַז מען באַקט ערשט מאָרגן, —דעריבער...

צביה

איך האָב איר גאָרנישט געזאָגט.

יהושעלע

נו, גיי, גיי, שטיי נישט. שיק אַהער אים באַלעבאָס דײַנעם.

צביה

(אָפּ)

## יהושעלע

נאָר וואָס דען, אַ נביא איז זי, זי האָט איר נישט געזאָגט, אַז מען שיקט אַזאַ סמאַרק מוז עס אַזוי זיין.. און זאָל זי נאָר עטוואָס דערשפּירן... פאַרמאַכט זי באַלד דעם לאָדן און לייגט זיך שלאָפן, אַז דער קעלבאַס ווערט אָנקומען און דערזען, פון וויטן, אַז מען שלאָפט, זאָל ער צוריק אַוועקגיין, אָבער זי טוט עס נישט, אַ סימן, אַז זי פילט גאָרנישט פאָר... אָבער שטיין דאָ מוז איך סיי ווי סיי, אַפילו זי זאָל פאַרמאַכן דעם לאָדן און פאַרלעשן דאָס ליכט און לייגן זיך שלאָפן, ווייל אַלץ איז נאָך קיין סימן נישט, אַז זי לאָזט אים נישט אַריין אינמיטן שלאָף אַפילו...

## פּרצל

(קומט אָן פון אַ צווייטער גאַס אַרויס אויפן פּלאַץ)

## יהושעלע

(שטיל)

איז דאָס ער? ער, דער באַנדיט? (רוקט זיך אַריין אין סאַמע הינקל קייגן דער האַנט) יאָ, ער, דאַכט זיך. מיין שוועסטער האָט אים שוין אויסגעוואַרעמט דאָס בעטגעוואַנט, מיינט ער... ס'איז נישט ער? אָדער שרעקט מיך בלויז דער געדאַנק, אַז ס'איז נישט ער?

## פּרצל

(גייענדיק הייבט אָן צוזינגען דערנאָך צוצופייפן)

„אויף דעם וואַסער
שווימט אַ מעסער, (מעסע)
גייט דאָס מעסער (גייט די מעסע)
גלייך קיין דאַנציק...

## יהושעלע

נו, אַט, אָ, דאָס איז ער דאָך: „אַ יינגל מיט פּאַנט_זיצ",

ווי דער טאַטע זיינער רופט א-ם, אַז מען שמועסט מיט אים וועגן אים. איך וועל אים שוין אָפּשיקן די נאַכט אַ צורעכטגע-מאַכטן... אַהיים צום טאַטן. —

## פּרצל

(חייטער זינגנדיק און פּיפּנדיק)

שטייט אַ מיידל,
הייבט דאָס קליידל
און שרייט געוואַלד —
זי וויל אַ מאַן".

## יהושעלע

(נאָך אַ ווײַלע שווײַגן)

אוי, הימל עפן דיך! פֿאַרשווינדט אַרונטער הינטער דער חאַנט)

## ביילעלע

(קומט צו צום אָפֿענעם פֿענסטער שטעקט ארויס דעם קאָפּ)

## פּרצל

(קומט צו נאָענט, שטעלט זיך אָפּ)

גוטן אָוונט, שיינע ביילטשע!

## ביילעלע

פּרצל?

## פּרצל

יאָ.

## ביילעלע

גוטן אָוונט, גוט יאָר.

## פּרצל

וואָס איז דאָ עפּעס אַזוי שטיל?

## ביילעלע

יאָ, איך וווּנדער מיך אויך טראַץ דעם, וואָס ביינאַכט איז דאָך די שטילקייט, אין דו קומסט דאָך נישט פריער אויך, איידער ס'איז אַלץ איינגעשלאָפן, איידער דער גאַנצער פּלאַץ איז פאַר-

זונקען, ווי אין אייביקן טויט. פונדעסטוועגן איז מיר היינט די שטילקייט עפעס טאָפּל שווער.

## פּרצל

שווער? אַפשר, ווייל דו האָסט צו לאַנג געוואַרט.

## בּיילעלע

כ׳ווייס נישט, נאָר דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּעס. איך מיין, אַז דאָס פייגעלע, וואָס דאַרף אַריינפאַלן אין דער נעץ, האָט אויך אַזאַ געפיל. און עס פילט, אַז עפּעס איז נישט איינפאַך, עס ליגט עפּעס אַ קאָמפּליצירטער קניפּ, אָדער זאָרגפעלטיק איז צו־נויפגעשטעלט פון דריי ציגל אַ שטובעלע מיט אַ פּערטן אַן אייבערדעכל, אונטערגעשפּאַרט אויף אַ העלצל מיט אַ זייער פּילבאַרער אָנשפּאַרונג אויף אַראָפּצולאָזן זיך אינעווייניק אַריין, אי עס זעט, דאָס פייגעלע, ווי אינעווייניק ליגט הירזש, אָדער די קאַנאָפּלעס־קערנדלעך צום עסן; און ס׳הערצל ציטערט און פלאַטערט און קאָן דאָך נישט אַוועק דערפון... אוי, גאָט מיינער!

## פּרצל

ס׳איז גאָרנישט. ס־איז נאָר ווייל איך בין נישט געקומען צו דער צייט. האָסט געוואַרט איין שעה לענגער און דאָס, האָט דיך געמאַכט אַזוי טרויעריק; דו האָסט צייט געהאַט זיך אָנצו־עסן אַזויפיל מיט געדאַנקען און הארצקלעמונג. איך האָב אָבער פריער נישט געקאָנט אַרויס דאָ אויפן פּלאַץ. ס׳איז מיט אַ האַלבע שעה צוריק דאָ אַרומגעקראָכן דער שטאָט־וועכטער, דער היטער פון אונזערע פּאַרמעגנס, ישראלעכל, אין דעמדאָזיקן ווינקל איז ער געווען, און איך בין שוין דאָ איינמאָל געשטאַנען, נאָר איך האָב נישט געוואָלט אַרויסקומען אויפן פּלאַץ, וואָס איז אַזוי אָפן ווי דער איז, ווי לאַנג עס איז נישט פול־

קאָם שטיל, ווייל איך ווייס, אַז דו שרעקסט דיר שטאַרק פאַר יעדער מינדסטער פליג.

## בײלעלע

נו, קום אַריין, מיין טייערער! איך ווייס, אַז עפּעס באַהאַלט זיך אונטער אונז, עפּעס לאָקערט אויף אונז. נאָר דאָס פייגעלע קאָן נישט אַוועק, ווען אַפילו עס ווייסט, אַז עס איז דאָ דערונטער אַ נעץ. מיין טייערער, וואָס וואָלט איך דען נישט געאָפּפערט פאַר דיר. (שפּרייט אויס די הענט, נעמט אים אַרום ביים קאָפּ) מיין לעבן? — נאַ דיר עס? ס'איז איינס ביי מיר פון די קלענסטע קלייניקייטן פאַר דיר עס צו אָפּערן. (קושט אים הייס) קום אַריין.

## פרצל

(שפּרינגט אַריין אין דער פאָרנדיקער טיר, אַרויפגייענדיק אויף דריי שטיגלעך' און לענט זי צוריק צו נאָך זיך)

## יהושעלע

(שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון הינטער דער וואַנט)

אָט אַזוי איז דער פויגל אַריין אין שטייגל... אָדער, ווי מיין שוועסטער זאָגט: אין „נעצל"...

## בײלעלע

(קומט באַלד אַרויס צומאַכן דעם לאָדן, פאַרשווינדט צוריק אין שטוב און מאַכט אויך פעסט צו די טיר נאָך זיך.)

## יהושעלע

(רוקט זיך אַרויס אינגאַנצן, ערשט שוין גיכער)

און ווו איז פּסח, מען זעט אים נישט.. (קוקט זיך איין אין איין ווינקל פלאַץ) קאָן נישט אַמאָל זיין, ווי מיט יענער יאָרצייט און מיטן פלעשל: איז געווען די יאָרצייט איז אויף קיין פלעשל נישט געווען, איז געווען שוין אויף אַ פלעשל איז די יאָרצייט נישט געווען. אָדער, ווי מיט יענעם בעל־עגלה און דעם פּאַ־סאַזשיר: האָט דער בעל־עגלה געשפּאַנט האָט דער פּאַסאַזשיר

נישט געקאָנט פאָרן, האָט דער פּאַסאַזשיר געקאָנט פאָרן, האָט ווידער דער בעל־עגלה נישט געקאָנט שפּאַנען. סיי־ווי־סיי... — אָט, ער גייט...

פסח

(קומט אָן צו לויפן)

ביזט דאָ?

יהושעלע

שאַ, אָן רעש...

פסח

נו, גוט...

יהושעלע

וואָס גוט? פאַרוואָס פרעגסטו דיך נישט צי ער איז דאָ, אַבי דו פרעגסט דיך, צי איך בין דאָ?...

פסח

וואָס־זשע, ער איז נישטאָ... צו וואָס־זשע האָסטו געשיקט נאָך מיר?

יהושעלע

כּדי דיך אָנצוקוקן, כ׳האָב דיך שוין לאַנג נישט געזעען...

פסח

ער איז דאָ?...

יהושעלע

ער איז דאָ דער פויגל, ער איז דאָ... און אין שטייגל ליגט ער שוין...

פסח

(צעשראָקט זיך)

דאָרט... נו, און די זינד?...

יהושעלע

נו, וואָס־זשע קאָנסטו טון, קאָנסטו דען עפּעס אָנהענגען אַ שלעכל ביי איר אַזוינס, אַז זי זאָל עס נישט קאָנען אויפשליסן

פאַר אים, איר ליובאָווניק?... אוי. ווען דער טאַטע אין דער ערד זאָל דאָס זעען. אָט מיר מיט איר האָט ער דאָס איבער־געלאָזט דאָס הויז אַ ירושה, כדי איך זאָל זיצן אויפן בוידעם־שטיבל און אַראָפּהערן אַלע נאַכט, וואָס אונטן טוט זיך. אַך צו וואָס האָט גאָט געגעבן משפחהשאַפט, אַז איינער איבער דעם צווייטן האָט קיין כח און קיין דעה נישט. אַך, ווי וואָלט איך געוואָלט אירע פּיס די נאַכט אַריינפּאַסן אין אַ שטאָלערנער שייד; ווי וואָלט איך געוואָלט, אַז אויף דער שיידס דרויסנ־דיקער זייט זאָלן זיין אויסגעזעצט נאָדלען. ווי עס איז די שטעכנדיקע פעל פון אַ יאָזש; אָנשטאָט אַ זיס צורירן זיך, זאָל ער, ווי אַ געבריטצער צוריקשפּרינגען. האָסט געדאַרפט זעען אַ קושעניש, ווי זי האָט אים אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענט אַרומ־קאָפּ, אַזוי ווי די אמתע...

## פסח

וואָס? מעגסט זאָגן מיטן פולן מויל: נו. אַזוי ווי די אמתע...

## יהושעלע

אָבער הער, עס איז נישטאָ קיין צייט...

## פסח

נו, וואָס טוען?

## יהושעלע

צוגיין אָנקלאַפּן אין דער טיר און גוט צעברעכן, צעשלאָגן די ביינער און גאָר אומשעדלעך מאַכן דאָס אָרט ביי אים, וואָס ברענגט צומייסטן שאָדן אונזער משפחה און צומייסטן פאַרגע־ניגן אונזער שוועסטער... אָדער צעקוועטשן דאָס וואָס עס לאָזט זיך צעקוועטשן...

## פסח

וואָס זאָגסטו — איך וועל צוגיין? דער יינג האָט נאָך היי־יאָ־

דאָס קדחת נישט געהאַט, מיט איין האַנט צעשלאָגט ער מיך.

### יהושעלע

קום אויפוועקן אליעזרן. וואָס שלאָפט ער זיך עפעס אַזוי באַרוט, פונקט, ווי אים וואָלט גאָרנישט אָנגעהערט די זאַך. פונקט ווי גאָטס-וועלט איז פאַר אים געמאַכט געוואָרן, נאָר כדי זיך גוט אויסצושלאָפן. קום.

### פסח

קום.

(בײדע גײען צו צו אײנס פון די הײזער אין דער רעכטער זײט, טיף אין בלאָק. קלאַפּן לײכט אָן בײ אַ לאָדן, אײנמאָל, נאָכאַמאָל, דערנאָך עטוואָס שטאַרקער, ביז עס קומט אַרויס אליעזר דורך דער הויזטיר, אין שטעקשיך און אין אַ בלויז כאַלאַטל, פון אונטער וועלכן עס זעט זיך די אונטערהויזעס)

### אליעזר

וואָס אַזעלכע שפּעטע געצעט.

### פסח

קום, טו דיך אָן.

### אליעזר

וואָסי ?

### יהושעלע

קום, קום, דער פויגל איז דאָ...

### אליעזר

וואָס ?

### יהושעלע

איצט קאָנען מיר אים צורעכט מאַכן דעם ייִנג. ער איז שוין דאָ בײ דער מויד.

### אליעזר

אַ נײַ שוואַרץ-יאָר אויף איר קאָפּ, אַזוי שפּעט בײנאַכט.

### פסח

נו קום, קום.

### יהושעלע

אַזוי שפּעט, זאָגט ער, אַז דער יינג וויל פריער נישט קומען און אינמיטן טאָג וויל אים אויך די שוועסטער נישט אַריינגעמען... נו אָנגעטוען זיך.

### אליעזר

צו איר הענט און פיס, צו איר לייב און לעבן.

### יהושעלע

זע נאָ, ווי ער בייטלט אויס, דאָס ביסל שלאָף איז אים אַ שאָד.

### פסח

טו דיך אָן, שטיי נישט.

### אליעזר

(גייט מרוקנדיק אריין אין שטוב)

### יהושעלע

[א]ט אזוי, פאַרשטייסטו מיך, וועלן מיר זיין דריי מאַן, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש.

### פסח

[ד]ריי מאַן אויף איינעם (גלעט זיך דאָס בערדל און חזרט זיך איין, …וואָלט געוואָלט אויסחעגן דעם כוח פון יענעם איינעם און זייערע דריי)

[ד]ריי מאַן אויף איינעם, דריי...

### יהושעלע

דו קלערסט צי עס וועט זיין גענוג?

### פסח

איך ווייס...

### יהושעלע

עס וועט דיר נאָך אַ רעשט בלייבן...

### פסח

נו, נו, זאָל ער נאָר אַרויסקומען, אליעזר.

אליעזר קומט ארויס אַנגעטוען, אַלע גייען אַוועק אַנטקעגנאיבער דער שוועס־טערס הויז.

## אליעזר

(שטעלט זיך אָפּ)

איך וועל נישט אַריינגיין דער ערשטער.

## יהושעלע

וואָס איז דאָ אַ נפקא־מינה, מ׳דאַרף גיין, מ׳דאַרף נישט קוקן.

## פסח

שטייט. זאָל מען אַרויסרופן זלמנען דעם קיילער־ייִנג.

## אליעזר

דעם קצב.

## יהושעלע

יאָ.

## פסח

הגם ער איז מיט אונז אַ טשיקל משפחה אויך.

## יהושעלע

משפחה ווידער...

## אליעזר

ער האָט זיך שוין נישט מיט וועמען מתיחס צו זיין, פסח.

## פסח

נאַר, גאָרנישט... אַז מ׳דאַרף אים איז ער משפחה...

## יהושעלע

און אַז מען זעט אים אויף דער גאַס, דאַרף מען אים זאָגן אַמאָל „גוט מאָרגן" אויך. און מען דאַרף אים זאָגן „גוט שבת" אויך, און מען דאַרף אים פרעגן אַמאָל ווי עס גייט אים אויך.

### פסח

נו, גוט! נו גוט, פאַרוואָס נישט. קומט צו, לאָמיר איר אויפ־וועקן. צי וועט ער אונז וועלן פאָלגן. וועט ער אונז נישט אָנ־שפּלטן?

### יהושעלע

ס'איז קיין אַנדער ברירה נישטאָ, קומט צו. (אַלע גייען)

### פסח

ע, איך קלער, אַז ער איז אַ גוטער יינג און הגם ער איז מיט אונז אַ ווייט ראָד פון וואָגן אויך... אַזוי, הייסט עס, אַ נאָענטער איך זאָג אים שטענדיק גוט מאָרגן, גוט יאָר, וואָס מאַכסטו, זלמן?

(בלייבן אַלע שטיין פאַר אַ הויז לינקס, אין פלאַץ טיף)

### פסח

ווער זאָל וועקן?

### יהושעלע

אַ בעשעפּט ווער, אַלע דריי אויף איינמאָל.

### פסח

ער וועט זיך דאָך דערשרעקן, אַלע דריי.

### אליעזר

קלאַפּ דו אַליין. יהושע.

### יהושעלע

(קלאַפּט אין לאָדן)

זלמן, זלמן.

### זלמן

(זיין קול)

ווער איז עס?

### יהושעלע

אַ שכן, אַ שכן דאַרף דיך נעניטיק, זלמנשי.

### זלמן

(קומט ארויס אין א פאָר גרויסע שטיול אויף די גאַטקעס און א מאַדיגארקע אויף דער אייבערשטער העלפט קערפּער, מיט א צעקנייטשטע היטל אויפן קאָפּ.)

וואָס איז דאָס, ווער איז דאָס?

### פסח

גוטן אָוונט..

### זלמן

גוטן אָוונט, גוט יאָר.

### פסח

וואָס מאַכסטו. זלמן?

### אליעזר

(נעמט אװעק פסח'ן)

לאָז יהושעלען זאָגן...

### יהושעלע

אוי, זלמן, מיר זענען נעבעך אין אַן אומגליק. מיט אינזער שוועסטער האָט אַן אומגליק געטראָפן און מיר זענען אַלע פאַרביי, אונזער שוועסטער איז אונז די נאַכט ארויס לתרבות־רעה...

### זלמן

וואָס, זי האָט פאַרבלאָנדזשעט:

### יהושעלע

אוי, פאַרבלאָנדזשעט נאָך ערגער ווי פאַרבלאָנדזשעט.

### זלמן

איך האָב קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ דאָרף „טאַרביסטרו״... אַ דאָרף איז דאָס?

### יהושעלע

אוי, נאָך ערגער, ווי אַ דאָרף. דאָס איז דאָס גיהנום אַליין.

### זלמן

איך פאַרשטיי אַליין נישט אינגאַנצן — אָבער וואָס זאָל איך טון?

יהושעלע

דו ביזט אונזער משפחה! און ס׳איז אויף דיר חל אָפּצוהיטן דיין משפחה פון אומריינקייט, וואָס איז אויף איר געפאַלן, פון גליק, וואָס פאַרפלעקט דיך גלייך מיט אונז און דו וועסט עס דערפילן, ווען דו וועסט האַלטן ביי אַ שידוך מיט דיינס אַ קינד...

זלמן

מיט מיינס אַ קינד?

יהושעלע

יאָ.

זלמן

וואָס זאָל איך טון?

יהושעלע

שוין גיין מיט אונז.

פסח

אוי, אַן אומגליק. אַט דעם קעלבאַס האָט זי זיך אריינגענומען אין שטוב.

יהושעלע

און אַלע נאַכט. און די זינד זענען אַזוי גרויס, אַז זיי שרייען ביזן הימל אריין.

זלמן

וואָרט, איך גיי שוין. (גייט גיך אַפּ אין שטוב).

יהושעלע

דו זעסט, ער פאַרשטייט פון זיין הענט און פיס, וואָס מען האָט אים דערציילט, נאָר דו זעסט, ער איז שוין אָנגעדרייט, ווי אַ מאַשין. ער וועט שוין גיין. געוואַלט, די שטאָט איז אין זינד...

פסח

אַט אַצינד וועט זיין גוט, רעכט גוט, רעכט גוט.

### יהושעלע

בּרען נישט, בּרען נישט, ער גייט.

### זלמן

(קומט אַרויס מיט אַ גראָבער פֿאַלקע אין דער האַנט און זילבערקייט אין קול)

קומט.

(אַלע גייען צו צו דער שטיב פֿון דער שוועסטער. זיי קומען צו גריפֿ די שטיגלעך און אויפֿ זיי. אַלע בייגן זיך איין, פֿאַרפֿעסטיקנדיק די הענט אין די שפּאַרעס פֿון מיטן און פֿון דער הינטערשטער טייל טיר — און גיבן זיי פֿלוצלינג אַ בראָך־אויף און אויף איין מאָל זענען זיי שוין אינעווייניק, פֿאַר־האַקנדיק זי צוריק נאָך זיך. פֿון אינעווייניק הערט זיך אַ לענגערע ווײַלע אַ טומל פֿון אַלע און געוואַלטן פֿון דער שוועסטער. נאָך אַ לענגערער ווײַלע, פֿלוצלונג — שפּרינגט אָפּ דער פֿרענט פֿון לאָדן, וואָס גיט זיך אַ פּראַל אויף אויף דעם אָפֿענעם פֿענצטער, שטייענדיק, באַווײַזט זיך די שוועסטער; צעלאָזט די האָר, צעוואָרפֿן, רופֿט זי אין גאַס אַרײַן נאָך הילף. אָבער עטלעכע הענט פֿון די פֿעטערס און דעם ברודער כאַפּן זי געשווינט בײַ די האָר און [illegible] שלעפּן זיי זי צוריק אַראָפּ פֿון פֿענצטער).

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט שנעל)

# דריטער אַקט

שטעלט פאַר די גאַס פון ערשטן אַקט.

## פערזאָנען:

**אַלע**, ווי אין ערשטן אַקט.

**מילקעלע** — דעם רבינס טאָכטער, א מיידל, 18 יאָר אַלט.

**רביצן** — מילקעלעס מוטער, 36 יאָר אַלט.

**צוויי בחורים**

ס'איז אַ שיינער ליכט־וואַרעמער פאַרנאַכט. די זון האָלט צוויי שעה פאַרן אונטערגיין. עס פילט זיך די שפעט־זומערדיקע פאַרטראַכטקייט אין דער לופט. די ביימער איבערן פאַרקן שטייען שטיל, באַשיינט פון דעם רויטן ליכט פון דער אַפגעקערטער זון אויפן מערב. די פענצטער פון ר' אַלטערן שטייען ווידער אָפן. אינעווייניק זענען אַלע שטוב־מענטשן, אויסער נחמהלע און פריידעלע, וואָס זיצן אויפן גאַניק.

### נחמהלע

אַמערכה די שטאָט האָט אים אָפּגעראַטעוועט, אַז נישט וואָלטן מיר שוין היינט נישט געהאַט קיין ברודער. זי האָט אים געראַ־טעוועט, ווייל ביילעלע האָט אויפגעריסן ס'פענצטער און די

שטאָט איז געקומען אָנצולויפן, אַז נישט וואָלטן זיי דעם ברודער דערהרגעט.

פריידל

איצטער וועט ער שוין ליגן קראַנק?

נחמהלע

יאָ. (נאָכקלערנדיק) די אַרבעט וועט שוין אויך נישט קאָנען גיין, ווי פריער. (נאָכקלערנדיק) דער טאַטע קאָן נישט אַרבעטן איבער זיין ליגן.

פריידל

און גיטעלע אונטער איר וואַרשטאַט?

נחמהלע

אויך נישט, זעסט דאָך, אַז נישט.

ר׳ אַלטער

(וואָס זעט זיך אין פענצטער)

אַ יינג מיט פאַנטאַזיע. ווי האָסטו דאָס קאַלעכוואַסער, חיה שרהלע?

חיה שרהלע

כ׳האָב עס ערשט דאָ געהאַלטן.

ר׳ אַלטער

נו, דאָס איז דאָך קיין תירוץ נישט. מען דאַרף אים צוליייגן. אָט, כ׳האָב עס שוין. וואָס האָסטו דיך מישב געווען... איי, איי, איי. נישטאָ וואָס צו טענהן. אַז אַזוי איז עס שוין. (זעצט זיך בײַם פענצטער) געבעטן אים, האָסט גאָלדענע הענט, וואָס האָסטו פון דעם אַלעם? זיך און אַרבעט. אָבער ווערסטו שוין ערשט פאַלגן אַ טאַטן.

חיה שרהלע

הלואי זאָל ער נאָר געזונט ווערן.

## ר׳ אַלטעו

מיט גאָט זיינער הילף. אָבער איך קאָן גאָרנישט פאַרשטיין, ווי אַזוי קריכט מען אין אַ פרעמדן לאָדן אַריין? וואָס־זשע, די גלייכע ערד טויג דיר שוין נישט? חיה שרהלע: אַז איך זאָג דיר, אַ יינגל מיט פאַנטאַזיע.

## חיה שרהלע

נו יאָ, מילא... ערשט איז נישט די צייט דערפון. געלויבט צו גאָט דערפאַר. כ׳בין נישט ווערט זיין ליבן נאָמען צו דערמאנען, וואָס ער האָט אים כאָטש געשענקט דאָס לעבן. און אַז ער וועט געזונט ווערן, מילא, וועלן מיר, מיט גאָט זיינער הילף, ווייטער שמועסן. ווי פולסטו דיך, האַ?

## ר׳ אַלטער

ער פילט זיך שוין איינמאָל גוט. משלחת, ווי קאָן ער דען ערשט רעדן. נו, גיי שוין אַוועק פון אים.

(עס קומען אָן די רביצן מיט מילקעלען לאַנגזאַם און כמעט אָנגעשפּאַרט אָרעם בײַ אָרעם, אַרויסקומענדיק פון סקוער, וואָס שניידט זיך אַריין אין פּלויט הינטערן הויז לינקס. נחמהלע דערזעט זיי, לויפט זי אין שטוב אַנזאָגן. ר׳ אַלטער און חיה שרהלע קומען אַרויס אַנטקעגן. נחמהלע און פריידעלע גייען אויך נאָך)

## חיה שרהלע

סקאָצל קומט.

## ר׳ אַלטער

סקאָצל קומט.

## רביצן

מיט גליק זאָלט איר לעבן.

(אַלע שטעלן זיך אין מיט גאַס)

## רביצן

נו, וואָס מאַכט דער חולה?

חיה שרהלע

גאָט זאָל געבן וואָס אַמאָל בעסער.

רביצן

גאָט צו דאַנקען.

חיה שרהלע

די אויגן האַלט ער נאָך צו. ער איז דאָך אַזוי צעהאַקט, אַז מען זעט אים גלאַט קיין אויג און קיין פּנים נישט אַרויס. נאָר דאַנקען גאָט, ער שלאָפט רויִק. אָטעמט געזונט.

רביצן

גאָט צו דאַנקען, גאָט צו דאַנקען. מילא זכות-אבות האָט ער.

ר׳ אַלטער

אַ נאַריש יינגל. וואָס האָט דער טאַטע געקאָנט טוען. אַ יינג מיט פאַנטאַזיע. כ׳האָב דאָך געוווּסט, אַז ליידיקגייען ברענגט צו אומגליק. כ׳וואָלט אים מוחל געווען די אַרבעט אויך, נאָר זיך אין שטוב. און מען ווערט דאָך צושאַנד.

רביצן

מילא, וואָס קאָן מען טוען, אַז מען האָט קינדער מוז מען ליידן. ס׳איז אַוודאי נישט שיין געווען, צי וואָס האָט מען אים נאָך געדאַרפט איינזעצן, כ׳פאַרשטיי נישט. נישט גענוג, אַז געהרגעט האָט מען אים, שיער קיין לעבעדיקן נישט געלאָזט.

חיה שרהלע

אַ האָרעלע, גאָלדענע קרוין...

ר׳ אַלטער

אַ נס, אַ נס, וואָס ער איז אַ געזונטער יינג.

### רביצן

די גאַנצע שטאָט זאָל נאָך קוקן צו די קראַטן צו אים, ווי ער נאָך אָפּגעלעגן אַ נאַכט אין תּפיסה.

### חיה שרהלע

מיין גאָלדענע קרוין...

### רביצן

נו יאָ, מילא, האָסט שוין געהערט, דו האָסט עס אַוודאי נישט געוואָלט.

### ר׳ אַלטער

דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט יענע וואָך. כ׳הין געווען שטאַרק אומרויק.

### רביצן

מילא, וואָס געווען איז געווען. דאַרפסט נאָר זעען, אַלטער, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל שוין זיין צום גוטן, צום שיי-נעם. מעגסט מיר גלייבן, אַז כ׳האָב דאָס קינד דיינס ליב, ווי מיין אייגנס און, אַז כ׳האָב דערהערט די בשורה איז מיר ס׳האַרץ פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט, וואָרן כ׳האָב אים זייער ליב, זייער ליב.

### ר׳ אַלטער

יאָ, אַ בר מזל איז ער. ער איז דאָך אַ ליבער ייִנג. וואָס? ער האָט דאָך חלילה קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון. און דאָס בלוט פון פינגער גיט ער דאָך אַוועק.

### חיה שרהלע

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז קיין נחת האָב איך נישט.

### רביצן

מילא, ווערסטו האָבן. ער איז דאָך נאָך אַ ייִנג קינד, איין על-טער מיט מיַלקעלען.

## חיה שרהלע

. זאָלן זיך ביידע עלטערן.

## מילקעלע

ס'איז אַ רחמנות אויף אים. ווי שלאָף ער ליגט נעבעך. ווייסט־ מאַמעשי, כ'האָב אים היינט אָנגעקאָרמעט מיט לעפּעלעך קליי, ס'איז דאָך אַזאַ רחמנות, האָסטו געדאַרפן זעען ווי אַזוי איך האָב אים אַריינגעגאָסן לעפּעלעך אין מויל און ער האָט אַראָפּ־ געשלונגען.

## רביצן

מילא, זאָל אים זיין צו געזונט.

## ר' אַלטער

איך זאָג דיר, אַז מילקעלע האָט אים שוין געקאָרמעט, איז ער טאַקע אַ בר־מזל. ס'אַ וואויל קינד זי איז. זאָלסט זען, ווי זי האָט אים דעם פּאַרגאָסענעם קליי אַרומגעווישט אַרום דער גאָמ־ בע מיט אַ סאַרוועטל, אַן אמתער בר־מזל.

## רביצן

כ'האָב דיך געוואָלט פרעגן, ווי האָסטו טאַקע באַשלאָסן, אַלטער־ הילסט אים טאַקע אַריינגעבן צו מיר אין שטוב!

## ר' אַלטער

מילא, צי ביי דיר וואָלט ער געהאַט דאָס אמתע מקום־מניחה. וואָרן, אויב איך זאָל אַרבעטן, פיר איך דאָך אים איבער. אַז די וואַרשטאַטן זאָלן אָנהייבן גיין, איז עס דאָך פאַר אים אַ מלאך־המות, חלילה. ס'איז דאָך איין שטובל און דאָס בעט שטייט ביים וואַרשטאַט.

## חיה שרהלע

איך האָב אַ נדר גענומען, אַז די וואַרשטאַטן זאָלן נישט גיין, ביז

ער וועט נישט געזונט ווערן. ס׳איז אוממעגלעך, און כ׳האָב דאָך נישט מער, ווי דעם איינציקן זון.

## רביצן

חלילה, דאָס קאָנסטו אויך נישט. וועסט בלייבן שטיין אויף צוויי וואָכן אָן פּרנסה? און דערוואַקסענע קינדער, קיין בייז אויג, האָסטו, ווי וועסטו, דאָס אויסהאַלטן?

## חיה שרהלע

(ווישט די אויגן)

מילא, אַ מאַמע האָט דען אַ ברירה.

## ר׳ אַלטער

ס׳איז דאָך קיין ברירה נישטאָ.

## רביצן

נו מילא, כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט: פאַרפאַלן, ס׳איז דאָך אַ גאָט־זאַך. וועסטו אים מוזן איבערשטעלן דאָס בעט צו מיר. זי, דאָס טעכטערל, האָט שוין היינט געאַרבעט מיטן פאָטער אויך דעריבער, אַז ער זאָל עס הייסן. אַ באַזונדער צימער וועט ער האָבן, קיינער וועט אים נישט שטערן, זאָל ער איבערזיין ביי מיר די צוויי וואָכן, ביז גאָט וועט העלפן.

## ר׳ אַלטער

אמן, הלוואי.

## חיה שרהלע

כשרע צדיקת! אין אַלע נויטן זאָל אונז נישט קיין ערגער זכות־אבות ביישטיין, ווי דו שטייסט אונז ביי. מיט וואָס וועל איך דיר אָפּדינען.

## רביצן

מילא, ס׳איז קלייניקייטן.

### ר׳ אַלטער

איך זאָל זיך נישט שעמען וואָלט איך דיר געפאַלן צו די טריט.

### רביצן

גיי שוין, שוואָגער, וואָס רעדסטו, זעמיר דען נישט אייגן בלוט און פלייש. מיינסט טאַקע, דיין קינד איז מיר פרעמד.

### ר׳ אַלטער

אַן אמתער בר-מזל! ער האָט אַ גרויסן זכות אין הימל. נו, און אברהמעלע האָט מסכים געווען?

### רביצן

נאָר וואָס דען, אַז מילקעלע האָט אָנגעהויבן בעטן. (מיט אַ שמייכל) קיין זאַך באָרשט גיט ער פאַר דער טאָכטער נישט אַוועק. און אים אַליין, דעם זון דיינעם, מיט אַלע זיינע חסרונות, ווי גע-ווײַנלעך, וואָס אַ רבי געפינט פאַר אַ חסרון... האָט ער אים אַליין, ביי דעם אַלעם, אויך נישט פיינט. איז עס געבליבן, אַז יאָ.

### ר׳ אַלטער

הונדערט יאָר זאָלט איר ביידע לעבן, הונדערט יאָר. אָ, וואַ, ער האָט נישט קיין קליינעם זכות אין הימל, מיין זון. און ווייסט וואָס נאָך, איך האָב ווידער מנדר געווען. כ׳האָב דאָס געשמועסט מיט מיין שרהלע: אפשר איז מיין קינד נישט באַ-שטימט פון הימל צו זיין אַ בעל-מלאכה; איך זע דאָך, אַז עס ציט אים נישט: ווען ער וועט געזונט ווערן, אם ירצה השם, ער וועט זיך סטאַטקעווען, זאָל ער זיצן און לערנען. כ׳האָב אים מנדר געווען פאַר גאָטס-תורה. כ׳וויל אים אַוועקשענקען דאָרט אין ברודערס בית-המדרש. זאָל ער דאָרט זיצן יום ולילה. אפשר איז מיר אַזוי באַשערט פון הימל.

רביצן

מילא, זאָל ער נאָר געזונט ווערן.

היה שרהלע

אַזאַ טייערער גאַסט. כ׳בין דיר אַפילו נישט דרייסט צו זאָגן, נאָר די ביזט שוין דאָ — קום אַריין אין שטוב.

רביצן

קום.

(אַלע גייען אריין אין שטוב)

ר׳ אַלטער

(זעענדיק זיך דורכן פענצטער)

כאָטש קיין היץ האָט ער נישט, וואָס דאָס איז זייער גוט פאַר אים, און ביי די געדאַנקען איז ער אויך דאַדורך, דאָס דערקאָנט מען אין זיין רויק ליגן, אָבער דאָך רעדן טאָר מען נישט מיט אים, ווייל אַלץ שלאָפט אין אים, אַלע גלידער, ווי אריינגעפאַלן אין אַ גרויסער מידקייט, אָדער געבונדנקייט.

רביצן

(וואָס ווערט אויך געזען דורכן פענצטער)

ניין. כ׳וועל חלילה נישט רעדן צו אים. מילא, כ׳זע דאָך שוין. ס׳עטן מיט גאָטס הילף גאָרנישט זיין. הער-זשע, אַלטער: כ׳וועל אין אָוונט צושיקן צוויי לערנער-בחורים מיט דעם טראָג-בעט, וואָס שטייט ביי מיר, וועט איר אים, צוזאַמען נעמען פאַמעלעך דערויף און די בחורים וועלן אים שוין נעמען בשלום צו מיר אין הויז אַריין.

חיה שרהלע

זאָל זיין ווי דו זאָגסט און גאָטס ווילן זאָל זיין דערביי. (חיעש די אויגן)

### ר׳ אַלטער

ביזט טאַקע פון הימל.

### רביצן

און ווייטער, מילא, זאָרגט נישט, גאָט וועט העלפן, ער וועט געזונט ווערן.

### חיה שרהלע

אמן!

### ר׳ אַלטער

הלואי!

(אלע באגלייטן די רביצן מיט דער טאָכטער צוריק צו דער טיר).

### ר׳ אַלטער

הכלל, בלייבט שוין אַזוי?

### רביצן

(גייענדיק צו דער טיר)

אַזוי, אַזוי, (שאָקלט פרום מיטן קאָפּ) מיט גאָטס הילף.

### חיה שרהלע

דאַנק. (אָפּ)

(אַלע קומען ארויס אויפן גאָניק)

### רביצן

האָט מיר אַ גוטן טאָג און אַ גוטן שטענדיק.

### אַלע

אַ גוט יאָר, אַ גוט יאָר.

### מילקעלע

אַ גוטן טאָג.

### אַלע

אַ גוט יאָר.

### חיה שרהלע

אַ גוטס און אַ ליכטיקס זאָלסטו מיר האָבן, קרוין גאָלד, און גיי מיר געזונטערהייט.



839.11 אין/c

### רביצן

מען זאָל נאָך גיין, אם ירצה השם, אויף שמחות.

### חיה שרהלע

הלואי טאַקע אין נחת, אם ירצה השם.

### רביצן

(אראָפּגייענדיק פון גאַניק, דעריזעט גיטעלען פון פענצטער ארויסקוקן)

אַ גוטן טאָג, גיטעלע.

### גיטעלע

(אין פענצטער שטייענדיק)

אַ גוט יאָר.

(אַלע אויסער גיטעלען, װאָס קוקט בלויז דורכן פענצטער, באַגלייטן דעם עולם ביזן סקווער).

### ר' אַלטער

בלייבט שוין אַזוי, רביצן, אַזוי ווי מען האָט אָפּגעשמועסט און גייט מיר געזונטערהייט, דו אויך, מילקעלע.

### רביצן

נישק אַנדערש.

### מילקעלע

זייט געזונט אַלע.

(רביצן און מילקעלע אָפּ. אַלע צוריק אין שטוב אַריין)

### ר' אַלטער

(װאָס װערט געזען דורכן פענצטער)

מילא, אַלצאיינס הייסט אַ בר-מזל! איך פרעג מיך, רבונו של עולם, אַזויפיל נאַרישע מעשיות וויפיל דער יינג טוט אָפּ, אַזוי-פיל שטותים, פונדעסטוועגן הערן אים נישט אויף ליב צו האָבן אַלע, — כמעט אַלע!

### חיה שרהלע

(װישט די אויגן)

יעדעס קינד ווערט זיך געבוירן אין זיין הייטל...

### גיטעלע

שוין איינמאָל אַ הייטל! דו מיינסט, אַז דער רבי אַברהמעלע איז אַ נאַר.

### ר׳ אַלטער

באַליידיק מיר נאָר נישט קיינעם.

### גיטעלע

איך באַליידיק נישט.

### ר׳ אַלטער

נו, טאָ לאָמיר זשע הערן. דו ווילסט דאָך שוין אַוודאי עפּעס זאָגן וועגן אים.

### גיטעלע

נאָר ער האָט אויך אַ מיידל אַ שידוך צו טאָן.

### ר׳ אַלטער

אוי, דו נאַרישער קאָפּ, דיר ליגט נאָר אַלץ דיינס אין זינען, אַז אַלץ טוט מען, ווייל מען האָט אַ מיידל אַ שידוך צו טאָן. און איך וואָלט דאָך אויך געוואָלט, אַז עס זאָל זיין ווי צום בעסטן. פאַרוואָס נישט! מען ברעכט טעלער, אַז גאָט העלפט, און מען עסט לעקעך און מען טרינקט און מען ווינטשט זיך. ס׳איז דען עפּעס אַ שלעכטע זאַך, אַז דער אייבערשטער העלפט, מען קאָן אַ קינד אויסגעבן. דערנאָך קומט אַ זמן־התונה, מען נייט מלבושים, מען איז אויף האַלבע נעכט, מען פּאַסט און מען שניידט־צו און מען גרייט צו און מען קאָכט און מען באַקט— פאַרוואָס דען נישט, אַז גאָט העלפט, אַך, רבונו של עולם, עס איז דען אַ שלעכטע זאַך זיך צו פרייען? וויפיל מאָל ליג איך אין בעט און טראַכט: אַך, ווען גאָט העלפט מיר! נאָר איך בעט דיך: וואָס פאַר אַ מחותן איז דאָס מיט דעם: קי, פערד, בייטשטעקל! אַז ווייל ער האָט אויך אַ מיידל אַ שידוך צו טאָן

איז דאַדורך האָט ער דעם יינג, אונזער פּרצלען, ליב! קי—פּערד—בייטשטעקל!...

## גיטעלע

נישט דאַדורך האָט ער אים ליב, נאָר דאַדורך איז ער אַ דיפּלאָמאַט: האָט ער מורא, אַז דער יינג זאָל נישט נאָכמער אונז פאַרשוואַרצן די משפחה, זיין משפחה.

## ר' אַלטער

כע, כע, כע! גלייב-זשע מיר, אַז דו ביזט ווערט פּעטש. נאָר וואָס דען? איך בין דאָך אַ טאַטע, וויל איך דיר מער נישט זאָגן, נאָר: גיב גאָט אַ סך אַזעלכע דיפּלאָמאַטן... דאַדורך זאָגט דאָך וועלט, אַז ס'איז גלייכער מיט אַ קלוגן צו פאַרשפּילן, איידער מיט אַ נאַר צו געווינען... עפּעס אַ סך האָסטו אַזעלכע, ווי מיין ברודער? אַברהמלע איז אַזאַ חריפותדיקער מענטש קיין עין הרע.

## גיטעלע

אָבער דו ביזט מודה:

## ר' אַלמער

הייבט זיך נישט אָן, טאָכטערשי, אַ גוט יאָר אויף דיין קאָפּ. וואָרן דו ווילסט מיר איינרעדן, אַז מען קאָן אים גאָרנישט ליב האָבן דעם יינג אונזערן ביי אַלע זיינע חסרונות. וואָרן איך אַליין, אַזוי ווי דו קוקסט מיך אָן, קאָן נישט אי פּאַטשן, אי קושן? און ס'זענען דאָ אַזעלכע צייטן, ווען כ'וואָלט אים אי געפּאַטשט אי געקושט, אָבער צוזאַמען... פאַרשטייסטו מיך, טאָכטערשי, אַז דאָס וואָס מען האָט ליב האָט מען ליב. ווי זאָגט דער רוס: „ליובאָוו ניע קאַרטאָשקאַ”. (נאָכקלערנדיק) גיי שוין דו נאַרעלע, אַ דימפּלאָמאַט... מיינסט טאַקע, אַז דו קענסט דעם רבין. מיינסט טאַקע, אַז אָן פּרצלס מצוות און מעשים-טובים קאָן דער רבי ווערן קלענער אויף אַ האָר?

(עס קומען אַן צװײ בחורים מיט אַ טראָג־בעט פון סקווער ארויס אנט־קעגנאיבער דעם גאַניק, גײענדיק צום הויז פון שטוב דערזעענדיק דורך די פענצטער די בחורים, גײען אַרויס אויפן גאַניק חיה שרהלע, ר׳ אַלטער און נאָך זײ נחמהלע און פרײדעלע. די בחורים בלײַבן שטײן פאַר זײ).

## ר׳ אַלטער

(גיט אַ קוק אין דער לופט. די בײמער פון איבערן רבים פאַרקאַן זענען פאַר־גאָסן מיט דעם לעצטן רויטן שײַן, װאָס בלײַכט שוין)

די זון גײט נאָר װאָס אונטער, װי װעט אַזאַ בילד אויסזען אויף דער גאַס ערשט צו טראָגן? (צו די בחורים) צי די רביצין האָט אײַך געהײסן שוין גײן?

## בחורים

זי האָט אונז געזאַגט װעגן גײן, נאָר די טאָכטער האָט אונז געבעטן — שוין.

## ר׳ אַלטער

לעבן זאָל זי. (נאָכקלערנדיק) נו, גוט. לאָזט דאָס בעט, ביז מיר װעלן צוגרײטן אַלץ, און איר. קינדערלעך נאָך מנחה־ומעריב קומט צו. יאָ?

## בחורים

יאָ. (גיבן איבער דאָס בעט) אַ גוטן טאָג דערװײל.

## ר׳ אַלטער

אַ גוט יאָר.

(בחורים פאַרשװינדן אין סקווער. די שטוב־מענטשן צוריק אָפּ אין שטוב, װי עס װערט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ. ארום הויז פאַלט צו אַ טונקלקײט).

פאָרהאַנג פאַלט זײער פּאַמעלעך

# פערטער מאָמענט.

(שטעלט פאָר די זעלבע גאַס)

פערזאָנען:

די שטוב־מענטשן איינגעשלאָסן אויף פרצל

צוועלף פרצלס חברים

מילקעלע

(פיר וואָכן שפּעטער. אין אָן אָוונט. שוין קילבלעכער, סוף־זומער. דאָס פענסטער איז ריין אָפּגעוואַשן. עס ברענט העל אַ ריין־געפּוצטער לאָמפּ. עס זעען זיך לייכטער מיט נאָך־נישט־אָנגעצינדענע ליכט אויף אַ קלאָרן, געדעקטן טיש מיט פּרוכטן. פרצל זיצט נעבן טיש, חיה שרהלע שטייט נעבן אים)

## חיה שרהלע

דאָס מיידל, וואָס האָט דיר געראַטעוועט דאָס לעבן, האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל דיר איבערגעבן גריסן פון איר און איך האָב איר צוגעזאָגט, ווי נאָר דו וועסט געזונט ווערן, דאָס צו טאָן. זי איז דאָ געווען יעדן אָוונט, צו דערוויסן זיך וועגן דיין געזונט. די ערשטע נאַכט, ווען ביזט נאָך הינען געלעגן, אין אַזאַ הייט זאָל מיר ליגן דיין שונא דער קיילער, און דו האָסט

נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט דיר, ביזט געווען אָרייַ־ געטון אין אַ שטאַרק פאַרטאַמיעעטן שלאָף, האָט דאָס מיידל בע־ וואַלגעוּרט מיט איר קאָפּ אָן געלעגער פון דיין צופּיסנס. קינד קרוין, איך בין געווען שטאַרקער פון אייזן, אַז כ׳האָב עס אי־ בערגעטראָגן, קוקנדיק אויף איר, חוץ מיין אייגענעם צער, אויך אירן. דערנאָך ביזטו שוין הינען נישט געווען, ווען ס׳איז דיר שוין געגאַנגען צום בעסער ווערן, איז זי אַלץ געקומען, ביז זי האָט חתונה געהאַט. זי האָט דיר דאָס געהייסן איבערגעבן, אַז זי האָט חתונה געהאַט — מען האָט זי חתונה געמאַכט...

## פּרצל

כ׳ווייס.

## חיה שרהלע

צוגעאיילט זי אין איינציקע צוויי וואָכן נאָך דעם פּאָרפּאַל, צו אַן אַלמן מיט זעקס פּיצלעך קינדער, און אין דער פרעמד אַריין (קליינע פּויזע) איך גיב דיר דאָס איבער, מיין קינד, ווייל איך בין שולדיק אַ חוב, וואָס כ׳האָב צוגעזאָגט אַן אומגליקלעך צע־ ריסן און פאַרוואָגלט האַרץ, וואָס איר איינציקע בקשה פון מיר איז געווען נאָר דאָס.

## גיטעלע

(קומט אַרויס פון סקווער, גייט אַריין אין שטוּב׃ זי איז שבתדיק אָנגעטאָן ד־־ שיין פאַרקעמט)

איך קום ערשט פון דער רביצן. איך האָב זי לפנים איינגע־ לאַדן אַזוי ווי דו, מאַמעשי, האָסט מיך געהייסן — האָט זי אונדז אָנגעווינטשן אַלדעסגוטס און אַלדע פרייד.

## חיה שרהלע

הלוואי, גאָט זאָל געבן צווישן אונזער גאַנצער משפחה פרייד פון היינט אָן. (נאָכקלערנדיק) איך האָב זי געשיקט, גיטעלען, ווייל

נישט אָנצוזאָגן דער רבּי׳ן, אַז מיר פרייען זיך היינט, וואָלט געווען נישט אָרנטלעך.

## נחמהלע

און מילקעלע קאָן אויך נישט זיין?

## גיטעלע

כ׳האָב אַפילו געקלערט, אַז יאָ, נאָר זי האָט אויך גענומען אַן אָנטייל אין דעם צווינטשן צוזאַמען מיט דער מוטער, וואָס דאָס האָט געהייסן, אַז זי וויל אויך בלייבן אין שטוב.

## פּרצל

ניין, זי האָט נישט געקאָנט היינט קומען.

## חיה שרהלע

פילט זי זיך שלעכט?

## פּרצל

דאַכט זיך, אַז נישט אינגאַנצן גוט.

## חיה שרהלע

מילא, זאָלן מיר זיך אַן אַנדער מאָל אָפּרינען אין נחת.

(ר׳ אַלטער און פרײדעלע קומען אַן אין גאַס און גייען אריין אין שטוב)

## ר׳ אַלטער

געלויבט איז גאָט.

## חיה שרהלע

געלויבט זאָל ער זיין.

## ר׳ אַלטער

(זעצט זיך צום טיש, נאָכדעם ווי ער טוט אויס דעם מאַנטל)

נו, וואָס הערט זיך, קינדער? האָט מען שוין עפּעס צוגע־גרייט?

## חיה שרהלע

אַלץ איז פאַרטיק, מען קאָן גיין צום טיש.

ר׳ אַלטער

זייער גוט, זייער גוט.

גיטעלע

(שטעלט אַרויף בראָנפּן מיט פאַרבייסן)

צי איז דער בראָנפן גראָטן געשטעלט. ווייס איך נישט, ווייל דאָס איז מיין אַרבעט געווען, נאָר דער פלאָדן איז זייער גוט גראָטן.

ר׳ אַלטער

ווייל דאָס איז שוין מסתמא נישט דיין אַרבעט?

(אַלע לאַכן באַשיידן)

גיטעלע

(לאַכנדיק)

וואָס איז דער אונטערשיד, אַבי ער איז גוט.

ר׳ אַלטער

(גיסט אָן די גלעזלעך)

נו קינדער, לחיים! און דיר זון (גיט איבער די האַנט) נעם דאָס גלעזל דיינס, (דער זון נעמט עס) דיר קומט אוודאי אַ לחיים!

פרצל

לחיים טובים!

(אַלע טרינקען אויס און פאַרבייסן)

ר׳ אַלטער

הייסט עס, אַז מיר אַלע זיצן צוריק ביים טיש. קיינער חלילה פעלט נישט.

חיה שרהלע

געלויבט ביזטו גאָט!

ר׳ אַלטער

אמן.

(פרומל און נחמהלע טראָגן צו טשרינצל)

### ר׳ אלטער

נו, צו דעם מוז מען זיך גיין וואַשן.

(ער און דער זון גייען זיך וואַשן)

### חיה שרהלע

(גייט אַפּ פון טיש און דערלאַנגט פיש, ווען די מענער זיצן שוין צוריק אויף זייערע ערטער)

און די פיש זענען גוט.

### ר׳ אלטער

אַלץ איז גוט. ס׳איז גאָרנישטאָ קיין שלעכטס, אַ חוץ איין זאַך — דער טויט. ער איז ווערט אַ באַזונדערן דאַנק.

### חיה שרהלע

כ׳האָב מיר נישט געוואַשן די הענט...

### ר׳ אלטער

מען שמועסט דאָ נישט פון רבונו של עולם...

### חיה שרהלע

נאָר פון וואָס דען שמועסט מען?

### ר׳ אלטער

פון טויט, פון טויט, וואָס ער האָט אונזער שטוב געמידטן... איי, איי, איי.

### פּרצל

דו וואַרפסט אָן שוין באַלד אויף מיר אַ מורא, טאַטע. אַזוי געפערלעך בין איך דען געווען?

### ר׳ אלטער

אַך, קינד מיינס, ס׳איז פיל צו דערציילן און ווייניק צו רעדן. — אַז עס האָט דיר געשמעקט צו זיין אַ יינגל מיט פאַנטאַזיע — און קריכן אין פרעמדע לאָדנס אַריין. און דאָס מיידל, אַך

דאָס מיידל, האָט מיר דען נישט אַ שטיק האַרץ אויסגעריסן ביי יעדן מאָל קומען אַהער און נאָכפרעגן זיך, צי דו לעבסט. גאָט אין הימל, אַז דו ווּעסט דידאָזיקע רשעים נישט שטראָפן! אַן אייגענער ברודער, אייגענע פעטערס... זע נאָר, ווי מען האָט איר דעם קאָפּ אָפּגעשניטן יונגצרהייט מיט אַן אַלמן פון זעקס קינדער, מיט אַן אומגליקלעכן מענטש, אַבי אַרויס אינדערגיך פון שטאָט און וויסנדיק שוין איר פינצטערן גורל. האָט זי זיך נאָר ווענן דיר געקומערט, און פון זיך אַליין — פונקט ווי זי וואָלט שוין געוואָלט זען פון זיך אַ וואָס שנעלערע ענדע.

### חיה שרהלע

(הייבט שטיל)

### ר׳ אלטער

וואָס ווייסטו?

### חיה שרהלע

וואָס זאָל איך נישט וויינען?

### ר׳ אלטער

יאָ ס׳איז דאָ וואָס צו וויינען אויפן רשעות פון דער וועלט, אָבער נישט דו אַליין ביזט עס מחויב, מחויב זענען מיר אַלע: איך, דו, דיין שכן, דיין צענטער קרוב און גאול, אַלע מענטשן דאַרפן דאָס פאַרשטיין, אַז די וועלט איז פול מיט רשעות — אַנדערש קאָן דיין וויינען גאָרנישט פועלן. לאָז אָפּ, דו נאָר דו.

### פרצל

יאָ, מאַמע. לאָז אָפּ, ס׳איז נישט פאַר דיינע כוחות... און מיט טרערן ווּעסטו די וועלט נישט לייטערן.

### ר׳ אלטער

זער, מיין זון, איך הער אין דיר אַ מאַנספּאַרשוין רעדן, איך

ווײַל האָפן, אַז דו ביסט שוין קלוגער היינט.

פּרצל

אויך איך, איך ווײַל האָפן. (שטייט אויף פון טיש אוועק) נו, העַר אויף מאַמע.

(פויזע)

ר׳ אַלטער

נו, מיין זון, ווי זאָגסטו ערשט, ווי קוקסטו איצט אויף דיין תּכלית? איך מיין איצט, ווען דו ביזט שוין אָפּגעוועון אַזאַ שטיק צייט אין הויף, אָפּגעזונדערט אינגאַנצן פון אַלע דיינע פריער־דיקע גענג, איז דאָס געווען זייער גינסטיק פאַר דיר, אַז דעם רביס הויף און די דאָרטיקע מענטשן זאָלן דיר בעסער געפעלן צי געפעלט דיר נישט אַמאָל איצטער צו בלייבן דאָרט. וואָרן זעסט דאָך, אַז די אַרבעט דיינע קלעבט זיך נישט צו דיר, און חלילה אַרויפצווינגען אויף דיר דאָס, וואָס דו האָסט נישט קיין חשק דערצו, ווייל איך נישט. איז אפשר גערעכט אַ פּלאַן פאַר דיר צו בלייבן אין רביס בית־המדרש. וואָס דיין האַרץ פאַרלאַנגט, געוויינלעך נישט צו קיין בייזס, בין איך גרייט צו טון פאַר דיר, נאָר בלייב דאָרט.

פּרצל

איך וועל דיר געבן מאָרגן אַ תּשובה, טאַטע.

ר׳ אַלטער

אָט אַזוי האָב איך הנאה פון דיר צו הערן. איך ווייס, אַז איך טענה מיט אַ פאַרשטענדיקן מענטש. אָ, ווי אַנדערש דו ביזט געוואָרן אין די פיר וואָכן. דו כאַפּסט שוין נישט אַזוי אָן אַ ישוב, דו פאַרשטייסט שוין היינט, אַז ס׳איז פאַראַנען אַן איבערלייגונג אויף דער וועלט. ווי גערעכט זענען די, וואָס

זאָגן, אַז טײַלמאָל מאַכט דעם מענטש איין טאָג קלוגער, ווי אַן אַנדער מאָל גאַנצע צען יאָר. זעץ דיך, מיין זון, מיר וועלן נאָך פאַרברענגען אַביסל אין שמועסן. ערשט האָב איך דאָך די אמתע הנאה מיט דיר צו טענהן. (קוקט זיך אום) גיי, גיב, גיטע־לע, נאָך עפּעס צום טיש.

## גיטעלע

(דערלאַנגט פלייש און געקאָכטע פלוימען)

## ר׳ אַלטער

(ווייזנדיק אויף די געקאָכטע פלוימען)

אָט דאָס איז דאָס אמתע מאכל! (צו זיין פרוי) נו, פאַרוואָס וויל־סטו נאָך אַלץ נישט עסן? מיר האָבן זיך דען געזעצט דאָ פאַסטן?

(אַלע עסן)

## ר׳ אַלטער

אָ מיינע טייערע, ס׳איז אַ וועלט, זאָג איך אייך! נאָר נישקשה, גאָט וועט העלפן. און דער עיקר, זאָג איך דיר — זיי אַ גע־לאַסענער מענטש.

## פּרצל

ווי איך זע, טאַטע, הייב איך דיר אָן צו געפעלן היינט מער, ווי פריער?

## ר׳ אַלטער

און דו אַליין געפעלסט דיר דען היינט נישט מער, ווי פריער?

## פּרצל

עס קאָן זיין, אַז איך געפעל מיר היינט מער. אַ קודם: פריער האָב איך נישט געוווּסט וואָס כ׳האָב צו טון.

ר׳ אַלטער

דאָס האָבן דיך די איינציקס פיר וואָכן אַזוי געמאַכט.

פרצל

ניין. נאָך ווייניקער. יענע איינציקע נאַכט נאָר...

ר׳ אַלטער

נו, מילא, אַבי, עס זאָל זיין צום גוטן.

פרצל

ס׳איז אַ שרעקלעכע נאַכט געווען, טאַטע.

ר׳ אַלטער

איך גלייב דיר, מיין קינד. ווער קאָן עס נאָך אַזויפיל וויסן ווי איך, אַלס טאַטע.

פרצל

אָ. ניין, אינגאַנצן קאָנסטו נאָך אויך נישט וויסן... ס׳איז דאָ אַ סך מער צו וויסן, ווי דאָס, וואָס ביי דיר קאָן הייסן וויסן. (שטייט אויף. פויזע) דו ווייסט, טאַטעשי, איך דאַרף נאָך היינט גיין אַהין שלאָפן אין רבים הויף.

ר׳ אַלטער

דו וועסט נישט דאָ היינט נעכטיקן ?

פרצל

ניין. איך האָב מיך שוין אַזוי צוגעוווינט דאָרט, אַז עס פעלן מיר יענע ווענט, יענע מענטשן און אַלץ.

ר׳ אַלטער

זייער גוט, זייער גוט, איך בין העכסט גליקלעך, דאָס הייסט, אַז דו ווילסט בלייבן פון היינט אָן ביים רבין. נו זייער גוט.

זעץ דיך, וועלן מיר אָפּבענטשן און דו וועסט גיין. (פּרצל זעצט זיך צוריק, זיי נעמען בענטשן).

### פּרצל

(שוין נאָכן בענטשן)

נו, האָט-זשע מיר אַ גוטע נאַכט.

(געזעגנט זיך צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ צו אַלע)

### אַלע

אפשר דיך אונטערפירן אַביסל?

### פּרצל

גאָט באַהיט. ניין. איך וועל אייך אַפילו די לאָדנס צומאַכן. איר דאַרפט נישט גאָר קיינס גיין. האָט מיר אַ גוטע נאַכט!

### אַלע

אַ גוט יאָר.

(פּרצל קומט אַרויס פון שטוב, מאַכט צו די לאָדנס אַרום הויז, בלייבט שטיין אַביסל, זיך אַריינקוקנדיק איבערן פּאַרקאַן נעבן דער בלינדער וואַנט פון הויז. מילקעלע באַווייזט דאָס קעפּל פון איבערן פּאַרקאַן).

### מילקעלע

פּרץ!

### פּרצל

(גייט צו, שטעלט זיך אַרויף אין דער העלפט פון פּאַרקאַן מיט די שפּיצן פיס אויף דעם אָפּשטייַ פון אַ ברעט אין דער וואַנט מיט איין האַנט, זיך צוהאַלטנדיק איבערן פּאַרקאַן און מיט דער אַנדערער נעמט ער מילקעלען אַרויס אויף דער זייט פּאַרקאַן און זיי לאָזן זיך ביידע אַראָפּ אויף דער ערד)

שלאָפן שוין אַלע ביי אייך?

### מילקעלע

פאַרשטייט זיך. אָ, ווי זי'ס ס'איז די נאַכט פאַר געליבטע, פונקט ווי ס'איז שטרענג די פרומקייט פון פרעמדן אויג פאַר זיי.

### פרצל

דער עיקר די שטילקייט. (נעמען זיך ביידע ארום און קושן זיך) האָסטו דיך אויף אָן אמת אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין מיר.

### מילקעלע

כ׳האָב דיר שוין טויזנט מאָל פאַרזיכערט, אין די פיר וואָכן, אַז אָן דיר גייט מיין לעבן אויס, ווערט מיין האַרץ ווי אַ בלום, וואָס איז אָפּגעריסן און מיט דיר — בליט עס, ווי אין פרילינג.

### פרצל

ווילסט שטעלן טאַקע אויף אַ חופּה?

### מילקעלע

קאָנסט מיך דען נאָך איבערפרעגן כאָטש איינמאָל, נאָכדעם ווי כ״האָב דיר טויזנט מאָל פאַרזיכערט, אַז נאָר צוליב דיר לעב איך.

### פרצל

(קושט זי)

ביזט מיין אויף אייביק. און אויב נישט אויף אייביק, קאָן יעדנ־פאַלס נאָר דער בלינדער גורל זיין דער צעשיידער פון אונז ביידע, ווען עפּעס אַ שווער אומגליק קאָן אונז פאַנאַנדעררייסן.

(בלייבט פאַרטראַכט)

### מילקעלע

וואָס טראַכסטו?

### פרצל

איך טראַכט וועגן דעם, ווי קיין אומגליקן, וואָס צעשיידן נישט איינמאָל צוויי געליבטע, צוגעשמידעטע הערצער איינס צו דעם אַנדערן, פעלן נישט אויף דער וועלט.

### מילקעלע

אַ, טראַכט נישט אַזוי, איך האָב מורא פאַר דיינע רייד.

### פּרצל

נישט פֿאַר זיי דערפֿסטו מורא האָבן, נאָר פֿאַר דעם, וואָס פֿירט מיט דעם מענטש...

### מילקעלע

איך פֿאַרשטיי דיך נישט. דו ביזט נאָך אַלץ פֿאַרזאָרגט און טרויעריק פֿון דעם פֿאַל, וואָס מיט דיר איז נישט לאַנג געשען?

### פּרצל

ניין. נישט אין דעם זין, ווי דו מיינסט, איך טראַכט, אַז וויפֿיל דער האָניק איז זיס איז אָבער די בין, וואָס מאַכט אונז דעם האָניק, גיפֿטיק. — דאָס לעבן איז נישט אַזוי גלאַטיק, מיין טייערע. איך זאָג עס דיר נישט, ווי וועלכער פֿילאָזאָף, נאָר מיין האַרץ איז פֿאַרסמט.

### מילקעלע

און דו קאָנסט נישט זיין זיך און דו קאָנסט נישט זיין ליב און דו קאָנסט דיך פֿון קיין פּיין נישט באַפֿרייען?

### פּרצל

איך קאָן, מיין טייערע, איך קאָן נאָך אפשר צופֿיל; אָבער דוקא מיט די, וואָס קאָנען נאָך אפשר צופֿיל, פּאַסירט, אַז זיי זענען נאָך צום פֿאַרביטערסטן. מיין טייערע, איך פֿאַרלאַנג צופֿיל, איך שפּיר טייל מאָל, ווי מיין האַרץ מאַכט זיך אויף ווי פֿון אַ טייך די זאַלוזעס, און דעמאָלט וויל עס זיך צעגיסן און אויסלייגן אין פּראַכט איבער ווייטקייטן און ברייטקייטן. אָבער ווייל איך פֿיל טאַקע אַזוי, דאַדורך שפּיר איך מיין האַרץ טאַקע אין אַ שטייג. געפֿאַנגען איז מיין יעדער קלאַפּ דערפֿון, נישט אַרויסצוּווייזן אים פֿאַר דעם ליכטיקן שיין.

מילקעלע

אָבער דו ביזט דער ליכטיקסטער און דער שענסטער פון אַלע מענטשן, וואָס כ'האָב געזעען אין מיין לעבן, שווער איך דיר.

פרצל

פאַרוואָס זעסטו אין מיר אַ זעלכן.

מילקעלע

ווייל דו ביזט אַזעלכער.

פרצל

פאַרוואָס האָסטו דיך אין מיר פאַרליבט?

מילקעלע

מיין פריינט, וואָס קאָן איך דיר דערציילן. איך האָב מיך פאַר־ליבט אין דיר. ווען דו ביזט נאָך געלעגן אין יענער נאַכט אין תפיסה. איך האָב מיט מיין גאַנצער פאָרשטעלונג געזעען דיך אויף דער נאַרע אַ טרויעריקן, אַ בלאַסן, — אָבער נישט קיין אומגליקלעכן. איך ווייס נישט פאַרוואָס מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט דאָס אומגליק דירעקט האָט דיך געטראָפן, נאָר דאָס וואָס אַרום דיר איז אַזוי — דאָס איז דיין טרויער. מיין טיי־ערער, איך האָב אין יענער נאַכט געשווידערט, אין דעם ליכט אין וועלכן איך האָב דיך געזעען. און איך האָב געשפּירט דיין יעדן שאָטן פון אומעט, וואָס האָט דיין האַרץ געפּרעסט, די טונקלקייט פון אונטער דיין ברעם, וואָס האָט פון דאָרט אַרויס־געקוקט, צוליבן אומעט, וואָס עס קאָן פּאַסירן. און מיינע אַלע גלידער זענען געוועזן אויסגעפילט מיט דיין געשטאַלט.

פרצל

און דערנאָך?

מילקעלע

און דערנאָך, ווען איך האָב געהערט, אַז דו ביזט שוין אינדער־

היים, האָב איך מיך אָנגעטון צו גיין זעען דיך. ווען איך בין שוין געווען אָנגעטון האָב איך מיך געשפּירט מיט דעם זעלבן טרויער אַרומגענומען אין וועלכן איך האָב דיך געזעען אין מיין גע־דאַנק. איך האָב געשפּירט, אַז מיין האַרץ איז אומגליקלעך און צעבראָכן גלייך מיט דיינעם, און איך בין געגאַנגען און האָב דיך געטראָפן אַ ליגנדיקן מיט פאַרמאַכטע אויגן און אין צושטאַנד פון נישט באַוווסטזיין. איך האָב דיך געוואָלט צוריק אויף די פיס אויפשטעלן, און ווען איך האָב דיר לעפּעלעך געגאָסן אין מויל אַריין, האָב איך געשפּירט, אַז איך בין פאַרצווייפלט פון אומגליק. ערשט דערנאָך, ווען עס האָט דיר אָנגעהויבן בע־סער צו ווערן און איך האָב דערהערט פון דיר אַ לייכטער אָטעמען, ביי דיין אַראָפּברענגען אַ לעפּעלע — אַ צי מיטן גי־מען, ווי דו פּילסט שוין אַ טעם, האָב איך געפילט, ווי אַלע גלידער לעזן זיך מיר אויף און אַ היילונג גיסט זיך אין מיין קערפּער אַריין פונקט, ווי אין דיינעם. אָ, פרעג מיך נישט, טייערער!

## פּרצל

און דו ווילסט וויסן, ווי אַזוי איך ליב דיך? — ווי אַ בת־מלכּה אַרום וועמענס פּאַלאַץ מען בלאָנדזשעט זיבן יאָר צייט; ווי אַ פּרינצעסין. וואָס איר ווינונג איז אויף אַ שפּיץ באַרג, ווו אַהין עס האָט נאָך קיין מענטשס טריט נישט דערגרייכט און קיין פוס נישט געטרעטן. דו ביזט די מילדקייט פון דער טויב, די ווייסקייט פון דער בלום און די זיסקייט פון איר זאַפט. (נאָך אַ חמלע) הער, איך גיי ערשט אין גאַס אַריין, צוגרייטן צו א חופּה אַלץ וואָס מען דאַרף און איך וועל דיך דערווייל צוריק אַריינ־לאָזן אינעווייניק אין פּאַרקאַן אַריין. דאָרט וועסטו דיר פאַר־ברענגען אונטער דעם פּענצטער פון דיין צימער אַ קליינע וויי־

לצ, און יוען איך וועל קומען צוריק, וועל איך דיר געבן א צייכן און דו וועסט ווידער אַרויסקומען.

מילקעלע

האָסטו געלט אויף איינצוקויפן, וואָס מען דאַרף.

פרצל

ביין. איך האָב נישט.

מילקעלע

נא דיר. (גיט אים איבער אַ פיל געפּאַקטן בײַטל מיט געלט)

פרצל

צו וואָס אַזוי פיל?

מילקעלע

דו האָסט פאַרגעסן, אַז צוזאַמען נאָך דער חופּה, דאָס הייסט, באַלד פון דאַנען, מוזן מיר שוין קלערן וועגן מיין נישט אומקערן זיך צוריק צו מיין טאַטן אין הויז אַריין און צו מיין ליבער מוטער, (שמייכלענדיק) וואָס שטעלט זיך אַוודאַי נישט פאָר, אַז איר טאָכטער האָט אַזאַ שרעקלעך האַרץ צום ליבן, פונקט, ווי זי וועט אַוודאַי מאָרגן נישט גלייבן, אַז מיין האַרץ האָט אויך פאַר איר ליבע אָן אַ גרענעץ און זי וועט טראַכטן נאָר וועגן איר טאָכטערס פאַרראַטן זי.

פרצל

וויפיל האָסטו דאָ געלט? האָסטו נישט אַמאָל צופיל עולה געווען דעם טאַטן דיינעם.

מילקעלע

נישט שרעקלעך, ער האָט חסידים, און צו דעם צו איז ער אויך אַן איינגעפונדעוועטער בעל-הבית. אַדרבה, איך טראַכט, אַז דאָס געלט, אויב אַזוינס קאָן יאָ נוצן ברענגען — איז נישט אַזויפיל אים, וויפיל מיר. נעם, לייג עס אַריין אין דער טאַש

און אויף דעם וועלן מיר זיך פון מאָרגן אָן אָנשפּאַרן מיט אַרב-
זערע גופים און אונזערע נשמות וועלן אײביק טרונקען פון דער
הויכער געטלעכער ליבע פון ריינעם הימל.

פּרצל

און דו האָסט עס מיר נישט קיין מורא צו געטרויען, דו נאַ-
ריש מיידל?

מילקעלע

נאָך אַ מין מורא!

פּרצל

נישט אַזוי וואָס איך קאָן עס פאַרשפּאָנדירן אין אַ קורצע צייט
פאַרטאַכליעווען, פאַרשפּילן אין קאָרטן, נאָר וואס איך קאָן עס
ערשט צונעמען און שוין נישט צוריקקומען דערמיט.

מילקעלע

אדרבה, וואָלט איך ערשט געוואָר געוואָרן אַ גרויסן סוד —
וואָס מענטשן קאָנען מער ליבן...

פּרצל

(קושט זי)

יאָר, מיין טייערע, ס'איז נאָך גאָר נישט זיכער ביז היינטיקן
טאָג, וואָס מענטשן ליבן מער..

מילקעלע

איך האָף, אַז דו ווייסט בעסער און שענער, ווי אַלע אַנדערע
מענטשן. איך האָב אין די פיר וואָכן פון דיין זיין דאָ, וואָס
כ'האָב ביי מיין טאַטן אויסגעפועלט, אַז דיך זאָל מען אַלס קראַנ-
קען אַריבערנעמען צו אונז אין הויז און דיך צופלעגן, אויסגע
פרווט דיין האַרץ, ווי מען פרווט ריין גאָלד.

פרצל

אריב אַזוי, האָסטו דאָך געטראָגן געדאַנקען אונטער מיר...

מילקעלע

אָבער אַלץ צום שיינעם.

פרצל

און ווי טוען דען, מיינסטו, יענע מיידלעך וועלכע ליבן אַנדערע? אַלע גיבן זיי אַוועק אַלץ פון אונטערן האַרץ. (נאָכקלערנדיק) וואָלט איך געווען אַ מענטש פון אונזער צייט, פון קאַפּיטאַל אַ פּראָדוקט. וואָס לויפנדיק אין זיין בלאָסק וויל ער אָנכאַפּן דעם גאָלדענעם בליץ אונטער דעם ראָלן פון מעטאַלענעם דינער, וואָלט איך מיט דעם געלט געקאָנט אַוועק אין אַ צענטראַלער שטאָט פון וועלכן לאַנד, מיט דעם גיך געעפנט אַ ביוראָ, אַרויסגעלאָזט גרויסע אַפישן פון אַ געגרינדעטער געזעלשאַפט פון ניי אַנטדעקטע גאָלד-פעלדער, פון כעמיקאַלן ביי אַ גאַנצער נעץ פאַבריקן אָבער פון בויען הייזער אין שטעט. און דיך וואָלט איך איבערגעלאָזט ווי אַן איבעריקן קאָשט פאַר מיר און, ווי אַ צעשטערער פון מיינע ווייטערע פּלענער אויף אַ צוקונפטיקן גרויסן נדן. וואָלט איך געווען אַ ליידנשאַפטלעכער באַזוכער פון טאַנץ-זאַלן, וואָלט מיר דאָס געלט גענוגט אויף אַ גאַנץ יאָר, מסתמא, צו גיין אויסגעפּראַנטעוועט מיט אַ רויט טיכעלע אין אייבערשטן טעשל, גלאַנצנדיקע לאַקירקעס און אַ פּאַפּיראָסל אין מויל. און וואָלט איך געווען גלאַט אַזוי דאָס ערשטע בעסטע ליטוואַקל, וואָלט איך דיך דאָס געלט געהייסן אָפּטראָגן צוריק צום טאַטן און געזאָגט: ס'איז זשיך ווינציק... איך וואָלט דיך, מיין טייערע, געהייסן צוּוואַרטן אַביסל, ביז איך וועל קאָנען קומען צום טאַטן דיינעם מיט מיינע פאָרשלאָגן וועגן נדן. ווי אַזוי איך וואָלט דאָס דערגרייכט? זיבן יאָר וואָלסטו גע-

וואַרט, אַ ליטוואַק האָט געדולד. באַלד אין דעם ערשטן—וואָלט איך אַריין אין דער ערשטער בעסטער פּאַרטיי און יעדעס יאָר איבערגעשטיגן צו אַ העכערער מדריגה. איך וואָלט געוואָרן אַ פייערדיקער פּאַטראָן איבער די נויטן און אָרעמקייט, מיט יעדן וואָרט וואָלט איך געשאָסן אַן אַנדערן בורזשוי אין בויך אַריין, אויף דעם ,רעכענונג דערפון, אַז זיינער זאָל זיך פאַרקלענערן און מיינער — פאַרגרעסערן. מיין פּאָפּולאַריטעט אַלס פּאַרטיי-דיקער פון אונטערדריקטע וואָלטן פייגל אין זייערע מאָרגנצ-זאַנגען אויסגעזונגען. און דעמאָלט, שוין אַלס דעפּוטאַט, וואָלט איך געלאָזט דיין טאַטן שיקן צו מיר שליחים—שדכנים און איך וואָלט אים פאָרגעלייגט מיין פּרייז... — איך אָבער ווייס באמת נישט, וואָס צו טון מיטן געלט, אויסער מאָרגן צו קויפן פּאַ-טערקוכן.

## מילקעלע

דו מאַכסט חוזק פון מיר מיטן געלט?

## פרצל

ניין, מיין טייערע, נאָר צומאָרגנס וועט דאָסדאָזיקע געלט ווערן דיין טאַטעס אַמיטל דורך וואָס דיך אָפּצופירן צוריק צו זיך אין שטוב אַריין.

## מילקעלע

ס'איז טאַקע שלעכט און אָן געלט קאָן מען זיך נישט ריר. (נאָכקלערנדיק) קאָנען מיר אפשר אַוועק פאַר דעם געלט?

## פרצל

ניין. מיין איצטיקע לאַגע דערלאָזט עס נישט.

## מילקעלע

איך שטעל אויף דער אָרנטלעכקייט פון מיין טאַטן, אַז ער וועט

דאָס אין דער פּאָליציי נישט איבערגעבן און אויך אויף דער ליבשאַפט פון דעם צאַרט־איידל פילן פון מיין מאַמען. אַז זי וועט דאָס נישט דערלאָזן. ווען דאָס געלט איז נישט אַ מוז, וואָלט איך עס צוריקגעלייגט אויף זיין אָרט.

### פּרצל

ווען דאָס איז נישט אַ מוז, וואָלט איך קיין וואָרט נישט גע־וואָלט פאַרלירן דעריבער (פּויזע) הער, איך גיי דערווייל אין גאַס אַריין. קום, וועל איך דיך צוריק אַרויפנעמען אויפן פּאַר־קאַן (ליגט דעם בייטל אויף דער ערד, שטעלט זיך צוריק, ווי פריער, מיט אין הענט פאַרוואָרפן איבערן פאַרקאַן און מיטן אָרעם פון דער צווייטער האַנט ועצט ער זי צוריק אַרויף אינדערהייך, ווי זי לאָזט זיך אַריין ביזן האַלז אַי־נעווייניק. שפּרינגט צוריק אַראָפּ, כאַפּט זיך אָבער באַלד צוריק אַרויף, ווי פאַרגעסנדיק עפּעס. קושט זי אין פּנים. שפּרינגט צוריק אַראָפּ). נו, אויף ווידערזעען. (נעמט דעם בייטל פון דער ערד, ליגט אים אין דער אייבער־שטער קעשענע פון סאַקל, גייט, זיך אומקוקנדיק, צו איר).

### מילקעלע

אויף ווידערזעען.

### פּרצל

(אָפּ)

### מילקעלע

(פאַרשווינדט אויף יענער זייט פון פאַרקאַן)

(די גאַס בלייבט ליידיק אַ לענגערע צייט, עס קומען אָן פּרצל און צוועלף חברים, נישט רוישיק, אָבער אויפגעלייגט. טראָגן הפּצים און אויך חופּה־שטאַנגען צונויפגעוויקלט מיט דעם חופּה־מענטל).

### מילקעלע

(באַווייזט זיך איבערן פאַרקאַן, גאָך אַיידער זיי קומען צו)

פונדעסטוועגן איז דאָס גאַנץ געשייט, גאַנץ פייערלעך. און עס איז גאָרנישט לאַנג געזוימט.

## צוויי בחורים

דערלויבט, פרק, אונז אָנצורירן זי, וועלן מיר זי אַריבערנע-מען אויף דער זייט.

## פרצל

איך דערלויב.

(אלע קומען צו צום פאַרקאַן).

## פרצל

איז דיר שוין געוואָרן גוט לאַנגווייליק, דאָס וואַרטן?

## מילקעלע

אָ, ניין. ווען איך וואַרט אויף דיר איז מיר די נאַכט צו קליין (פויזע) נו נעם מיך אַראָפ צו דיר.

## צוויי בחורים

דו ווערסט אונז דערלויבן, כלה, אָנצורירן דיך, וועלן מיר צוויי דיך אַריבערנעמען.

## מילקעלע

(גיט א קוק צו פרצלען, פרעגט אים מיט א קאָפ-שאָקל, צי ער הייסט).

## פרצל

וואָס זאָל איך טוען, אז אין דינסט צו דיר, ווילן זיך מיינע, אונזערעביידנס חברים שטעלן אין קאָנקורענץ צו מיר. (ענט-פערט צוריק מיט א קאָפ-שאָקל) יאָ מילקעלע!

## מילקעלע

(שטרעקט אויס ביידע הענט איבערן פאַרקאַן קיגן די חברים אלס צייכן, אז זיי זאָלן זי נעמען. ביידע חברים שפרינגען אנטקייגן אויפן פאַרקאַן, נעמען זי אַריבער) ס'איז אַלץ שוין גרייט?

## פרצל

יאָ, האָסט דיך שוין גאָרנישט צו באַקלערן?

### מילקעלע

דאָס איז דען נאָך נישט אינגאַנצן? פאַרלאַנגסט דען נאָך עפּעס מער?

### פּרצל

ניין, מיין טייערע. (צו די חברים) שטעלט אויף די חופּה.

(אַלע גרופּירן זיך אין אַ קופּע, די חופּה ווערט אויפגעהויבן, אַרום וועלכער זיי צעשטעלן זיך אין אַ רעדל. איינער ציט אַרויס פון אַ זאַק ליכט, צעטיילט צווישן אַלע, די ליכט ווערן אָנגעצונדן און עס ווערט געעפנט אַ וואַרע פון איין זייט צו דער חופּה, וואוהין די חתן־כלה גייען אַרונטער).

### פּרצל

(שוין אונטער דער חופּה שטייענדיק)

נאָר אַ פינגערל האָב אים פאַרגעסן אָנצוגרייטן.

### חבר

(דערלאַנגט אים זיין פינגערל)

### פּרצל

(נעמט עס)

איך ווייס נישט צי מען מעג. עס דאַרף זיין אַן אייגנס.

### חבר

איך שענק עס דיר, עס ווערט דיינס.

### פּרצל

ניין. עס מוז מיך קאָסטן כאָטש צוויי גראָשן, ווייל דער דין איז אַז מיט אַ פּרוטה קאָן מען זיך נעמען אַ ווייב. (דערלאַנגט אַ מטבע דעם חבר, וועלכער נעמט עס צו) און זאָג, אַז דו פאַרקויפסט עס מיר.

### חבר

איך פאַרקויף דיר דאָס פינגערל.

## פּרצל

זייט עדות, אַז ער האָט מיר פּאַרקויפט דאָס פינגערל פאַר דער זילבערנער מטבע, וואָס איך האָב אים דערפאַר באַצאָלט (צום ערשטן חבר) איך האָב דיר געגעבן אַ זילבערנע מטבע פאַר דעם פינגערל?

## חבר

יאָ.

## פּרצל

איז אַלץ כשר, אַז דער כלהס פאָטער, אָדער רב זאָל זיך צו־מאָרגנס נישט קאָנען טשעפּען, אַז די קדושין זענען נישט גע־ווען לויטן דין.

## אַ ל ע

יאָ, יאָ. אַלץ איז אין אָרדענונג.

## פּרצל

מיר הייבן אָן צו געבן קדושין. ווו איז דער מסדר־קדושין?

## 3=טער חבר

איך בין דאָ.

(עס ווערט דערלאַנגט אַ פלעשל וויין מיט אַ גלאָז איבער די קעפּ אריבער. פון אַ צווייטער זייט דערלאַנגט מען אַ סידור. עס ווערט פּייערלעך, שטיל).

## פּרצל

איר בין דיך מקדש דורך דעמדאָזיקן רינג פאַר אַ ווייב צו מיר, ווי עס איז דאָס געזעץ פון משהן און פון די יידן.

(דער מסדר זאָגט די פּסוקים, ווען ער פאַרענדיקט, טרינקט אויס אביסל פון וויין, דערלאַנגט ער דעם חתן, דער כלה אָפּצוזיפּן צו ביסלעך, דערנאָך הערט זיך אַ בראָך פון גלעזל און אַ מזל־טוב).

## פּרצל

ס'איז דיר נישט קיל? ביזט בלאַס.

## מילקעלע

צוליב דער ענדערונג, וואָס איז אין מיר פאָרגעקומען דורך דער איינער מינוט. איצט בין איך דאָך שוין דיין ווייב, ס'איז וואָר?

## פרצל

ישט אנדערש, קינד מיינס. (קושט איר אין די האַנט) קיין שום, וינט, סיידן דער בייזער גורל, קען אונז שוין נישט פאַנאַנ־ ערטרייסן, קיינמאָל.

(עס באַווייזט זיך אַ טיש מיט די פּיס ארויף פון איבער יענער זײַט ארקאַן. צוויי חברים פון דער זײַט שפּרינגען אונטער אויפן פאַרקאַן, לאָפן עם טיש אַראָפּ — נאָך דעם טיש ווײַזן זיך נאָך צוויי חברים פון יענער זײַט, אָס זענען נאָך דער חופּה באַלד דאָרט אהין אריין איבערן פּלויט, מוז זײַן, וואָס ציט זיך אין סקווער).

## צוויי בחורים

פון רביס סוכּה האָבן מיר גענומען דעם טיש. ס'שאַדט נישט.

## אַנדערע חברים

וואָס זאָל דען שאַדטן? נאָכן טישן וועט מען אים צוריק אַריינ־ שטעלן.

## פרצל

שטעלט אַוועק די חופּה אָן דער זייט פּלויט. איר וועט זי דער־ נאָך אויך דאַרפן אָפּטראָגן אין בית־המדרש־פּאָליש.

## מילקעלע

און פאַרוואָס שוין די בענק נישט גענומען, וואָס שטייען אויך אין סוכּה?

## חבר

(פון די וואָס האָבן דעם טיש געבראַנגט)

דערלויב אונז, כּלה, נאָך איינמאָל נישט קיין שכל צו האָבן פון היינט אָן וועלן מיר שוין זיין קלוג.

(אַלע לאַכן שטיל, פרצל קוטס מילקעלעך די האַנט. דער זעלבער חבר ברענגט נאָכאַמאָל איבערן פאַרקאַן אינעווייניק אַריין, פון וואַנען עס ווייזן זיך אין אַ קליינער ווײַלע אַרום עטלעכע לאַנגע, הילצערנע בענק, וואָס ווערן פון די חברים, אויף דער זײַט, אַראָפּגענומען פון דער הייך. דערנאָך ערשט קומט דער חבר פון אינעווייניק אַרויס אַהער).

## ערשטער חבר

(ציט אַרויס פון אַ זאַק אַ טישטוך, לײַכטער, שפּײַז און שטעלט אויפן טיש, אין זיי די ליכט פון יעדערנס האַנט, ברענגט אין אָרדענונג די בענק)

גוּ, זעצט אײַך.

(אַלע פאַרנעמען ערטער. עס הייבן אָן צו גיין פלאַשן ווײַן פון זאַק אויפן טיש אַרויף, טעלערס, עסנוואַרג, גאָפּל-מעסער, לעפל און זעמל. אַלע עסן און — טרינקען פאַרן ווויל פון דעם יונגן פּאָר. נאָכדעם ווי מען רוט זיך אָפּ פון עסן, פון טרינקען, שטייט אויף דער דריטער חבר, וואָס איז געווען מסדר-קדושין)

## מסדר=קדושין

נוּ, מיינע פריינט, מיר טרעטן צו רופן דרשה-געשאַנק פאַר חתן און כלהס צד, רופט זיך אָן, אייגנטלעך ביידע צדדים — איין צד, צוויי חתן-כלה — איין פּאָר.

## ערשטער חבר

אַ שפּיגל.

## מסדר=קדושין

אַ שפּיגל גיט אונזער ערשטער חבר פאַר דעם חתן און דער כלה.

## צווייטער חבר

מעש, קופּער אין דער קיך.

## מסדר=קדושין

מעש, קופּער פאַר דער קיך שענקט דער כלה און דעם חתן אונזער צווייטער חבר.

## פערטער חבר

אַ גאָלדענעם זייגער. (טוט אים אויס, דערלאַנגט דעם מסדר)

## מסדר־קדושין

אַ גאָלדענעם זייגער שענקט דעם יינגען פּאָר־פּאָלק אונזער פערטער חבר.

## פינפטער חבר

אַ זאַץ חמשים און מחזורים.

## מסדר־קדושין

אַ זאַץ חמשים און מחזורים אויף אַ גאַנץ יאָר, צו אַלע ימים־טובים, שענקט דעם יינגן פּאָר אונזער פינפטער חבר.

## זעקסטער חבר

דאָס טיש־געשיר.

## מסדר־קדושין

דאָס טיש־געשיר, אַלע עס־מכשירים, וואָס געפונען זיך דאָ אויפן טיש, גייען איבער צום פּאָרפאָלק באַלד נאָכן עסן, געשענקט פון אונזער זעקסטן חבר.

## זיבעטער חבר

צוויי ניקלנע בעטן.

## מסדר־קדושין

אונזער זיבעטער חבר שענקט פאַר דעם יינגן פּאָר אַ פּאָר ניקלנע בעטן צום נוצן זיי געזונטערהייט.

## פרצל

(לאַכנדיק)

און אויב קראַנק — קומען זיי אַוודאי צונוץ.

## מסדר־קדושין

חתן, האָסט נישט דאָס וואָרט. אונזערע חברים דאַרפן זיין בלויז געזונט. נו, ווער גיט נאָך דרשה־געשאַנק?

## אכטער חבר

א סאַרוואַנטקע אויף גלאָז.

## מסדר־קדושין

א סאַרוואַנטקע אויף גלאָז שענקט אונזער אַכטער חבר, זאָל לעבן, דעם יינגן פּאָר, צו באַנוצן געזונטערהייט.

## נײַנטער חבר

גלאָזוואַרג.

## מסדר־קדושין

אונזער נײַנטער חבר שענקט טאַקע גלאָזוואַרג צו דער סאַרוואַנטקע פאַר דעם יינגן פּאָר, זאָלן לעבן און געזונט זיין, און אם ירצה השם, אויף אַ יום־טוב זאָלן זיי די כוסות פון דעם זעלבן גלאָז־וואַרג אָנפילן פאַר אונזערטוועגן.

## צענטער חבר

צוויי קאָלדרעס, צוויי טישטיכער, זעקס האַנטיכער, 12 סאַרוועטלעך.

## מסדר־קדושין

אונזער צענטער חבר, זאָל לעבן, שענקט צוויי קאָלדרעס, צוויי טישטיכער, זעקס האַנטיכער, 12 סאַרוועטלעך פאַר דעם יינגן פּאָרס באַלעבאַטישקייט, ער האָט נאָר פאַרגעסן צו צו לייגן צוויי שטשערקעס אויך פאַר דער קיך...

## צענטער חבר

נו, זאָל זיין דאָס אויך...

## מסדר־קדושין

הכלל, כ׳האָב אויסגעפּועלט — דאָס אויך

## עלפטער חבר

פיר קישנס.

## מסדר־קדושין

אונזער 11־טער חבר שענקט װײכענע פיר קישנס דעם יינגן פּאָר.

### צוועלפטער חבר

פאָרהאַנגען.

### מסדר-קדושין

גאַרדינען צו די פענצטער שפּנקט דעם יינגען פּאָר אונזער 12-טער חבר. דער מסדר און דרשה-געשאַנק-רופער, איינער פון צווישן די צוועלף חברים אונזערע ביי דעם חתונה-טיש פון אונזערס חתן, דעם 13-טן און דעם בעסטן פריינט, שענקט דעם יינגען פּאָר אַ קליידער שאנק. (פּויזע) און איצטער גייט דאָס בעסטע.

(אַלע ווערן שטייף ערנסט, אַ שושקען זיך און איבערקוקן)

### חברים

שוין, אָדער נאָך צו וואַרטן ?

### מסדר-קדושין

יאָ, שוין. עס האָט געשלאָגן די שעה.

### ערשטער חבר

(דערלאַנגט עפּעס אין דערנידער צו די פּיס פון שטייענדיקן מסדר)

### מסדר-קדושין

דאָס טייערסטע פון אַלע דרשה געשאַנקען, וואָס דריי פון אונזערערע חברים האָבן צוגעגרייט און געגעבן דאָס צום שותפות פון אַלע אונזערע איבעריקע חברים, כדי צוזאַמען זאָלן מיר קענען געבן דאָס אונזער הויכגעשעצטן חתן אַליין, קומט ערשט איצט. (בייגט זיך אַראָפּ צום פּיס, גיט אַ טראָג אין דערהייך איבער אַלעמענס קעפּ דעם אָפּגעשנוטענעם קאָפּ פון קיילער) אָט דאָס איז עס!

### אַ ל ע

(באַגלייטנדיק מיט אַן אָך)

אָך!

### מילקעלע

(שפּרונגט אויף מיט אַ פּלוצלינג צונויפגעבראָכענעם קוויטש)

אוי!

פרצל

שרעק דיך נישט.

## מסדר=קדושין

(וואַרפט דעם קאָפּ צוריק אַראָפּ אונטערן טיש)

(אַלע רונגלען זי אַרום, דערזעענדיק איר בלאַסקייט)

## אַלע

ס'איז גאָרנישט, דאָס איז דעם קצבס קאָפּ.

(נעמען זי גלעטן און באַרויקן)

## מסדר=קדושין

הער, טייערע כלה. אַזוי איז אַרויס דער פאַרדינטער גזר איבער דעם קצב. דו ווייסט דאָך, אַז דאָס לעבן פון דיין ליבן, אונזער אַלעמענס חבר, האָט געהאָנגען אויף אַ האָר דורך דעמדאָזיקן אָנגעגרייטן שוכן-עפר צום קומענדיקן מאָרגן שוין. האָט דאָס געוואָלט טון פּרץ. אָבער דריי פון אונזערע חברים האָבן נישט געקאָנט ביישטיין דעם פּרוּוו, אַז דידאָזיקע פרייד פאַר אים זאָל נישט ווערן געשאַפן דורך זייער האַנט. און דיין מאַן, וואָס האָט נישט געזאָלט גיין צו דער חופּה אָן דעם קצבס קאָפּ ביי זיינע פיס, האָט דאָסמאָל געאָפּערט זיין אייגענעם גרויסן באַגער פון האַרץ פאַר דעם באַגער פון אונזערע חברים. און אָט האָבן מיר אים געבראַנגט איצטער דאָס אַ מתנה דו קאָנסט אונז וואָס זאָגן דאַגעגן, אונזער געליבסטנס געליבטע!

## מילקעלע

(זעצט זיך צוריק אַוועק אויף איר אָרט, חי פאַרחלומט און שוואַך)

## פרצל

און דאָך זענט איר זיך באַגאַנגען, מיינע געליבסטע חבויים, ווי אַלע אונזערע פיינסטע מענטשן. דאָס הייסט, איר האָט נקמה



839.11 י/ק

גענומען פאַר מיר. צי האָט איר כאָטש געקאָנט געניסן די ג׳ייטיקע לוסט פון גערעכטיקייט, וואָס ביי פיינע מענטשן הייסט עס נקמה. כדי אומגערעכטיקייט צו באַשטראָפן האָבן זיי באַשאפן אַ קאַלטע און אַ ווייטע גערעכטיקייט, וואָס ווערט שוין אַליין פאַר זיך אַן אומגערעכטיקייט. ווער האָט דאָס רעכט צו טייטן די אומגערעכטע האַנט, וואָס אים האָט זי נישט געטראָפן? (צום מסדר) ווייז נאָר אַרויף דעם קאָפּ אויפן טיש. (מען צערוקט די כלים, מען שפּרייט אויף אַ בויגן פּאַפּיר און מען לייגט אים אַרויף) וואָס פאַר אַ צרהדיק גלאָמבעוואַטע פּנים דאָס איז, וואָס פאַר אַן עקלהאַפטע פליישיקער אָקסנקאָפּ! ווער האָט דיך געהאַט דאָס רעכט צו טייטן נישט פילנדיק צו דיר מיין עקל? ווער האָט דיר געקאָנט כאָטש דאָס ערשטע מעסער אין דיין גאָרגל דורך און דורך האַקן, אַז דער הייסער שפּריץ פון בלוט צוזאַמען מיט דעם שפּיץ פון בלאַנקצן מעסער דורך דער אַנדערער זייט, זאָל אַ פאַרברענטע גלוסטונג אין זיין אויג נישט אָנצונדן! דורך קאַלטע און אומגערעכטע גזלנים איז דיר באַשערט געווען צו פאַלן. דיין לעצטן כאָרכל האָט נישט געהערט דער, וועמענס תאווה עס וואָלט זיך געווען מיט אים צונויפגעגאָסן אין איין הימליש געזאַנג, אין איין הויכער גערעכטיקייט פון גאָט אַליין פאַרלאַנגטע. דיין בלוט האָט נישט געזען קילן אויף דער ערד דאָס אויג, פאַר וועמען עס וואָלט נאָר ווי צרהוואַטע סמאָלע אויסגעזען. דיין לעצטער צאַפּל איז נאָר געוואָרן אַ פאַקט פון טויט, אָבער נישט, אַז די אומגערעכטיקייט איז דערוואָרגן געוואָרן. אַזוי ווי דו האָסט נישט געלעבט גערעכט, אַזוי ביזטו אַפילו נישט געשטאָרבן גערעכט. נעמט אים צו געווג מיט איפ (מען לייגט דעם קאָפּ צוריק אַראָפּ אונטן) מיינע פריינט, איך האָב מער נישט קיין ווערטער פאַר די, וואָס האָבן געלעבט ווי די קי

לעבט, און האָבן די נשמה אויסגעבעטשעט פונקט, ווי די קי ווי אַזוי האָט איר אים אַרויסגעטאָרט פון שטוב ?

(דריי פון די דברים שטעלן זיך רוים קייגן פריצן)

## איינער

(פון זיי דערציילט)

מיר האָבן אַ קראַץ געטון אין לאָדן. ווען ער איז אַרויסגעקומען און מיר זענען געווען דאָרפיש אָנגעטוען, האָבן מיר אים אין דער פוילישער שפּראַך געהייסן קויפן אַ גנבהשע קי... פאַרוואָס זענען מיר געגאַנגען אַלע דריי, נישט איינער, און, צוויי זאָלן וואַרטן אויף דעם אָרט ווו מען האָט אים געדאָרפן פירן...

## פרצל

זייער רעכט — אים אַליין אויך ווי אַ קי...

## דער איינער

ווייל מיר האָבן געטראַכט, אַז טאָמער פאַלט אויף אים אַ שרעק אין מיטן גיין, ווייל ער האָט דאָך געלט מיטגענומען, און ער וויל זיך פלוצלונג צוריק אויסדרייען, זאָל מען אים — שוין אויפן אָרט, אַרומרינגלען און דאָ אים אַוועקלייגן. און אויב ער וועט גאָרנישט ווען גיין — איז ביי אים פאַר דער טיר ביי אַ צוגעשטיקט מויל. שפּילן איז זיך נישטאָ וואָס.

## פרצל

זייער רעכט.

## דער איינער

אָבער ער איז געגאַנגען מיט אונז. און שטעלט אייך פאָר, מיינע ליבע, אַז ער איז שוין טאַקע דערגאַנגען ביז צום אָרט, ווו מיר האָבן געוואָלט, נאָר אין מיטן וועג זיך אָפּגעשטעלט. ער וויל ווייטער נישט גיין. גו, קום! האָב איך אים אַ צי געטון. דאָס

האָט אים נאָך מער איבערראַשט און איך האָב דערזען אַ דייט־לעכע שרעק אין זיינע אויגן. און ווען ער האָט זיך פאַרצווייפלט אומגעקוקט און דערזען די אַנדערע צוויי פאַרגאַנדערגעלאָזט אין דער ברייט פוןביידע זייטן וועג, הינטער אים, ווי צו פאַרשטעלן אים שוין דעם צוריקגאַנג — דאָ האָט זיין פאַרווירטער בליק, ביז פּאַניק, פון קאָפּ אים אַזש אַ שפּרונג געטון.

## פרצל

האָט ער יאָ דערזען דעם מלאך־המות פריער און נישט אומגעריכט דעם קאָפּ פאַרלוירן?

## דער איינער

אָ, ניין. נישט אַזוי גיך שטאַרבט מען. האָסט געדאַרפן זען, וואָס פאַר אַ מטושטש געווין, נאָר אומבאַהאָלפן געלעמטס, עס האָט פון זיינע אויגן אַרויסגעקוקט, ווען ער האָט דערפילט, אַז פון דעם רעדל דרייט ער זיך מער נישט אַרויס.

## פרצל

אָט דאָס איז גוט, אַזאַ געוויין איז גאָלד, פּערל פון דעם, וואָס האָט דאָס פאַרדינט.

## דער איינער

און דאָ האָט מיין מעסער אַ בלישץ געטון! און איך האָב אים געפרעגט. דו ווילסט דאָ שטאַרבן? און ער האָט פון צעמישט־קייט, פּונקט ווי דער געדאַנק פאַר יענע צוויי פון הינטן וואָלט אים איינגאַנצן פאַרכאַפּט אין שרעק, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיי, לאָזנדיק דעם נאַקן אין סכנה צו מיין מעסער. איינס און צוויי! — און שוין האָט ער זיך געטאַמלט אויף זיינע פיס און איך איך האָב אים נאָך אָנגעכאַפּט ביי די קידלעס פון קאָפּ, איידער ער האָט אַ פאַל געגעבן צו דער ערד, און אים גוט אַריינגעצקוקט אין די אויגן אַריין, צי זעט ער מיך...

פּרצל

אַך, ווי גוט.

**דער איינער**

ערשט דעמאָלט האָב איך אים לייכטער געלאָזט בלייבן זיצן טשיפּקעם ביי. מיינע פיס און איך האָב אים דאָס מעסער צרומגעדרייט אַרום האַלז...

**פּרצל**

אָט אַזוי, מיט אַן ענלעכן קראַץ אין לאָדן, ווי כ׳האָב מיך שפּעטער דערוווּסט, איז ער אויך אַרויסגערופן געוואָרן אין יענער נאַכט, ווען ער איז געגאַנגען הרגענען... און אָט אַזוי מאַשין־אַרטיק, ווי דעמאָלט, אַזוי גולמדיק, נישט פרעגנדיק זיך, פאַרוואָס, פאַר ווען, נאָר אָנגעדרייט, ווי אַ פּשענזשינע, אָן זיין קאָפּ, אָן זיין לייב און לעבן, ווי ער איז געגאַנגען דעמאָלט הרגענען, איז ער אויך פונקט אַזוי געגאַנגען קויפן די „גנבהשע״ קו. — אָט דאָס גאַנצע מאַשינען־טעמפּקייט דאַרף מען אויסראָטן. זאָל די טעמפּקייט נישט לעבן. ווייל פאָרויס פון איר גייט פאַרברעך. די טפּמפּקייט איז געגליכן צו אַן אָקס, וואָס עסט בלומען. איך טרינק פאַר דעם מענטשלעכן קלאָרן פאַרשטאַנד, פאַר דער טאַקטפולקייט פון מענטשלעכן געדאַנק, אָבער פריער פון אַלץ — פאַר דער אויסראָטונג פון דער מענטשלעכער טעמפּקייט. אַנדערש קאָן די וועלט עס גאָרנישט דערגרייכן. איך טרינק פאַר דעם אָפּקום פון אומגליקלעכע, פאַר די וואָס זענען לעבעדיק באַגראָבן. דערהויפּט — פאַר איינע, וועלכע האָט געליבט און נאָר אומגליק געטראָפן! (זיפצט אָפּ עטוואָס, שטעלט זיך אויף) ס׳איז דיר נישט קאַלט, מילקעלע? (טוט אויס דעם מאַנטל, וואַרפט עס אַרויף אויף אירע פּלייצעס) נו, באַגראָבט דעם קאָפּ אָט דאָ אויף דעם (קליינע פּויזע) אָרט, נאָר נישט וויניקער, ווי אַנדערטהאַלבן איילן

טיף, אַז קיין הונט זאָל אים נישט דערשמעקן.

(אַלע דערהייבן זיך. דער האָן קרייעט אויף פאַרטאָג. פויזע).

פרצל

נו, איז אָנגעגרייט אַ שטוב, מיינע ליבע פריינט, פאַר מיר מיט מילקעלען?...

אַלע

יאָ.

(דריי בלייבן אויף צו ברענגען אין אָרדנונג און נעמען לאַנגזאַם פאַנאַנ־דער דעם טיש מיט די בענק, בשעת די איבעריקע גייען אָפּ).

פאָרהאַנג פאַלט